STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02947

# DER KARAVAN

Hinde Zaretski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הינדע זאַרעצקי

# דער קאַראַוואַן

## לידער

פאַרלאַג „ישראל־בוך" תל־אביב
הילפסשטאָנד פאַר יידיש־שאַפונג אין ישראל
תשמ"ז — 1987

הינדה זרצקי

# השיירה

שירים

הינדע זאַרעצקי

# דער קאַראַוואַן

לידער

HINDE ZARETSKY

# THE CARAVAN

Poems

©

Copyright by Hinde Zaretsky 1987
3000 Bronx Park East,
Bronx, n. y. 10467 U.S.A

פאַרלאַג „ישראל־בוך", הילפספאַנד פאַר ייִדיש־שאַפונג
תל־אביב, רח' איתמר בן־אבי 4
Publishing House Israel-Book
Tel-Aviv, P.O.B. 1777

**Printed in Israel, 1987 • נדפס בישראל, תשמ"ז**

דפוס „אורלי" — פרידמן, תל־אביב, טל. 372062

זכור

## אונדזער עפּאָס

מיד פֿון רוען בײַם טויער
פֿאַרלאָז איך מײַן ווינקל,
פֿלי אויף יענער זײַט האָריזאָנט.
אונטערן הימל איבער די וואָלקנס
הער איך קולות, קינדער־קולות אַ מיליאָן.
אַרויס פֿון פֿליגל־באַן
אויף בלוטיק צעווירענער ערד.
אין קראָקע לייג איך אַ רויזן־קראַנץ
אויפֿן אַש־קבר פֿון פֿאָלק־זינגער:
„עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט!“

פֿון קראָקע טראָגט מיך די פֿליגל־באַן
קיין אַמסטערדאַם —
טרינק איך וווּנדער פֿון אַננאַ פֿראַנקס
חלום אויגן
ציטער איבער איר יצירה, תּפֿילהדיק
זאָג איך שורה נאָך שורה:
דור לדור הייליקן וועלן אונדזער
עפּאָס פֿון קידוש השם.

## כ"ז בניסן

— די אומגעקומענע ייִדישע קינדער געהייליקט

עס איז דער חודש ניסן,
שווימען צו מיר אַנטקעגן
וואַסערן, זיי טועו זיך גיסן
איבער שטעטלשע וועגן,

און שפּיגלען אָפּ זיבן הימלען,
ס׳דערוואַכןביימער, בלומען,
וועקן נעסטן אין זייער דרימלען,
פון וואַרעם־לאַנד פייגל קומען;

איבער זייערע פליגלען
פלאַטערן טונקעלע שלייערן;
איבער טאָלן און היגלען
טראָגן זיך ייִדישע טרויערן — — —

דער פריפּעט אָטעמט שווער,
וויגנדיק אויסגעלאָשענע קינדערלעך,
טויען פאַלן טרער נאָך טרער,
אויפן גרונט בלאַנקען ביינדעלעך;

זוכן קינדער: ציינדעלעך,
זייערע שמייכלען, חן־פּינטעלעך,
צווישן זויבער־ווייַסע ביינדעלעך, —
און טרויעריקע וואַלד־ווינטעלעך
וויינען, וויינען, וויינען — — —

## דער אָדלער

ווי דער אָדלער מיט פליגל צעשפּרייטע,
געפלאַטערט איבער שטעטלעך — זײַן פאַרמעג,
געפרייט זיך דורך ליכטיקע יאָרן און טעג:
ייִדן, בתי־מדרשים, אמונה פאַרזייטע.

תורה האָבן ייִדן געלערנט, געדינט גאָט,
געהאַנדלט, געוואַנדלט, וואַרשטאַטן געפירט;
שטובן גערייניקט, די מזרח־וואַנט געצירט,
דורך עבודה און שלווה געהיט גאָטס געבאָט.

געשוועבט האָט דער אָדלער דורך שטעטלשע ראַיאָנען,
געפרייט זיך מיט שוואַלבן אין זיכערע נעסטן;
איבער מענטשן־היימען, אין תפילהדיקע פאַרמעסטן,
אָנגעטראָגן האָבן זיך שפּאַרבערס — עשאַלאָנען.

און דער אָדלער מיטן פּערלמוטער־שנאָבל געבויגן,
פליגל אַראָפּגעלאָזט, מיט צער אין די אויגן.

## ר׳ נחמן טענה׳ט

א

ר׳ נחמן דער רב איז צום פּריפּעט געגאַנגען,
אויף קבר־ילדים * יעדן טאָג, יעדן טאָג,
מיט אַ תּפילה אין האַרצן און אַ טענה: „אָ זאָג,
בורא עולם, פאַרוואָס האָסטו אויסגעלאָשן געזאַנגען;
פאַרוואָס האָבן די הימלען ניט געשטורעמט,
פאַרוואָס האָט זיך די ערד ניט געשפּאָלטן,
ווען רוצחים האָבן ייִדן געפּלינדערט, געשאָלטן,
קינדערלעך אויף וועגענער אין בערג געטורעמט?

„פאַרוואָס רודערן די פעלקער און רודפן יעקבס שטאַם?
דורך די דורות ציט זיך אַ פייַערדיקער ים — — —
נאָך שחרית טוט ר׳ נחמן אָן זייַן יום־טובדיקן טראַכט,
צום פּריפּעט ברענגט ער אַ ליכטיק־בלאָע תּפילה —
טויבן קינדערלעך אַרויס פון כוואַליעס שטילע
און פלאַטערן ביז שטערן צינדן דעם פאַרנאַכט — — —

---

* אין פּעטריקאָוו, מינסקער גוב. האָבן די נאַצי האַרדעס ייִדישע קינדערלעך, וועגענער גאַנצע, לעבעדיקערהייט געוואָרפן אין טייַך פּריפּעט.

## ב

ר׳ נחמן דער רב איז פון פריפעט געגאַנגען,
זײַן שניי־װײַסער קאָפּ געבױגן, אָן אַ װאָרט, אָן אַ טרער;
די גבאים בײַם זײַט זענען געװען לױטער געהער, —
די זון איז אַ בלוטיק־רױטע דאַן פאַרגאַנגען.
די בתי־מדרשים האָט מען אין טאַנץ־זאַלן פאַרװאַנדלט,
העפּען דאָרטן איװאַנעס מיט זײערע פאַרשײַטע מאַטראָנעס;
גאַנץ זענען געבליבן די קלױסטערס מיט זײערע מאַדאָנעס, —
לײדיק איז דער מאַרק, װוּ ייִדן כּשרע האָבן געהאַנדלט.

אין שעה פון חצות טענהט ר׳ נחמן: „צװײ מאָל חורבן און אַ דריטער
האָבן מײַן טרער פאַרגליװערט, נאָר אין האַרץ בריט אַ ציטער:
דער בלױער פּריפּעט שימערט מיט קינדערישן שטיפן,
אין שטראַלן גילדענע הילכט זײער געלעכטער — — —
בורא עולם, װוּ זענען געװען דײַנע היטער, דײַנע װעכטער?
דורך מײַנע רמח־אברים הער איך פּײַנען טריפן — — —

## נאַכט אין קראָטאָנאַ פּאַרק

חלומט דער פּאַרק פון קינדערשע טריט,
געלעכטער און שפּיל פאַרהוילן, פאַרשמידט,
און לבנה שפּרייט ליכטיקן צוויט.

חלומט דער פּאַרק פון פרייד, פון גליק:
דאָס וועוועריקל קומט מיט חכמה אין בליק,
דאָס קינד גיט אַ ניסל, אײַלט וועוועריק צוריק

צו באַהאַלטן די גאָב פונעם מענטשן־קינד.
טאָמער שטורעם ברעכט אויס, טאָמער בייזער ווינט,
וועט מען שיצן די האַנט פונעם מענטשן־קינד.

קערן פעלדזן זיך איבער — ליכטיקע טעלער,
ברענגט נאַכט פולע קרוגן פון קעלער
און לבנה טריפט מיט ליכט מיט העלער.

וואַכט דער פּאַרק איבער קינדערשע טריט, —
זיי קומען פון ווײַט פאַרהונגערט און מיד,
און לבנה שפּרייט ליכטיקן צוויט.

פירטביילע די הויכע * רײַטוועגענער זיבן:
קינדער אין פריפעט זי האָט אויפגעקליבן,
די רײַטוועגענער ווערן פון ווינטן געטריבן,

---

* ביילע די הויכע איז געווען די לעגענדאַרע הייבאַם פון דעם שטעטל פעטריקאָוו. זי האָט געלעבט ביז 100 יאָר און איז געווען באַרימט מיט איר זעלטענער גוטסקייט. אַלע האָבן זי גערופן „די באָבע ביילע" — זי איז געווען אַלעמענס באָבע.

אַהער — צו די ליכטיקע טעלער מיט זעט;
נאַכט שטייט געבויגן אין טיפן געבעט,
קאָרמעט ביילע די הויכע קינדער צו־זעט.

און קינדערלעך שלינגען גוטסקייט מיט טרערן,
לייַכט דער פּאַרק מיט ליכטער פון שטערן,
זינגט ביילע די הויכע און וועלט טוט הערן:

— אָן גוטסקייט קאָן די וועלט ניט געדייען,
וועט גאָט ברוך־הוא דעם מענטשן דערפרייען.

— שלאָפט קינדערלעך, שלאָפט איַין,
דער מאָרגן וועט אַ ליכטיקער זיַין: —

— וועלן שיפן שווימען אויף טיַיכן, אויף ימען
און ברענגען צו איַיך דעם טאַטן און מאַמען,

— דער שמיד וועט שמידן, דער שניַידער וועט נייען,
דאָס פעלד וועט מען אַקערן, קאָרן פאַרזייען.

— די זון וועט קושן די שפּיצן פון זאַנגען,
פויערן וועלן אַרבעטן מיט פרייד, מיט געזאַנגען.

— די מיל וועט צעמאָלן דאָס גרויל פון דער וועלט,
איך זע שוין דעם טאָג, ער ליכטיקט, ער העלט.

— שלאָפט קינדערלעך, שלאָפט איַין,
דער מאָרגן וועט אַ ליכטיקער זיַין — — —

## די מאַלינע

— מרים אולינאָווערן געהייליקט

אין דער מאַלינע זענען געזעסן
די באָבע האָדע
און דאָס אייניקל דאָדע.
טאַטע־מאַמע זענען אַוועק
זוכן שפּייַז צום עסן.
איז אַ קאַפּאָ אָנגעקומען אָנטקעגן,
און טאַטע־מאַמע זענען אויף די וועגן
געבליבן שטיין, מיט פולע הויפנס שרעק — — —

דער טאַטע זיצט אין אַ ווינקל
און ער שווייַגט,
די מאַמע — זי פאַרשרייַבט.
פאַרשריבענע פּאַפּירן באַהאַלט זי אין אַ פלאַש.
פון אירע אויגן אַ תּפילה לויכט און פינקלט:
„רבונו של עולם, האַר פון דער וועלט,
איך זע דייַן פּנים דורכן וואָלקן, וואָס פאַרשטעלט
און כ׳זאָג: פון אונדזער קעסלגרוב וועט בלייַבן אַש,

טאָ זאָל דייַן השגחה פאַרהיטן, וואָס איך פאַרשרייַב: —
ס׳פיבערט מייַן מאַמע האָדע,
ס׳פיבערט מייַן זונעלע דאָדע.
אין מוח פון מייַן מאַן לעשט זיך גאָטס ליכט —
בלוי ווי אַ מילץ, זיצט ער און שווייַגט.
גערונצלטער פאַרמעט דאָס פּנים פון מייַן מאַמען;
איבער אונדז טראָגן זיך פייַערדיקע ימען.
גאָט, ווו איז פון כּסא הכּבוד דייַן געריכט?

צו משפּטן די רוצחים,
וואָס שעכטן און שעכטן,
ווּ איז דײַן צייכן פאַרן גערעכטן?
דײַן פאָלק וואָס האָט פאַרשניטן אַ בונד
און מיט דיר געפּראַוועט עקדת יצחק,
בײַם באַרג סיני פאַרנומען דאָס געבאָט פון מתן־תורה,
אין מדבר געהערט פון משהן שטראָף־רייד אָן מורא.
גאָט, הייב אויף דײַן פײַערדיקע ברעם,
ווען יסודות ברענען ביזן גרונט!"

## קינדער מאָלערײַען אין געטאָ

אין געדעמפּטן שלאָף
געהערט לידער זינגען סטראָף נאָך סטראָף.

געמעלן פון געטאָ, קינדער אין שפּיל —
פלאַטערלער ווײַסע, טײַבעלער קיל.

געמאָלן אַ ריזיק גילדענע זון־רויז —
פאַר מענטשן אַ ליכטיק הויז;

אויסשפּרייט — אַ טיף בלויער הימל,
אַ גרויס לעבל ברויט מיט קימל...

לכבוד חנוכּה שפּילן קינדער דריידל
פרייען זיך מיטן יום־טוב ייִנגל און מיידל.

דערנאָך האָט המן געפירט מרדכין אויפן פערד
איבער גאַסן פון שושן הבירה־ערד,

פּסח לויכטן אויף טישן פולע כּוסות ווײַן:
דערפרייען קינדער קומט אליהו הנביא אַרײַן.

געטאָ־קינדער מאָלן לויטערע הימלען אויס,
זיי טרײַבן דעם אומעט פון געטאָ אַרויס.

זיי טרייסטן זיך אין זייער האָפן:
גאָט קאָן אויך דערפרייען, ניט נאָר שטראָפן — — —

## אויף אַ געטאָ־אויסשטעלונג

אין לויטערן גינגאָלד
די זון האָט געשײַנט, —
ניט געקאָנט האָב איך
פאַרנעמען דאָס ליכט הײַנט.

געפירט האָט מיך דער וועג
אויף געטאָ־טערעזענשטאָט;
ווו ייִדישע קינדערלעך
האָבן אויף פּאַרמעט־בלאָט

אויסגעמאָלן הימלען בלויע,
זון און וואָלקנדלעך ווײַסע;
אויף ברייטע גאַסן שטיפּערלעך
שטיפן, ווי אין אַ שיינער מעשׂה — — —

ייִדישע קינדער־חלומות אַ מיליאָן
האָבן מיך אויף פליגל גענומען, —
שוועבנדיק דורך חלום און פאַרבן
זענען מיר צום באַרג שיך אָנגעקומען.

קלײַבן מיר איבער קינדער־שיכלעך.
מיר סדרן אויס, — זענען פריידעלעך,
שמערעלעך און בערעלעך אָנגעקומען
אין בלוי־ווײַסע הימל־קליידעלעך — — —

איך זע פּיס פון ייִדישע קינדערלעך
אויסגעוואַקסן שיין, שטאַרק, —
גייען זיי אין פעסטן טראַט;
זייערע שיך איבערן קאַרק

פאַרוואָרפן, שפּאַנען זיי ווי חלוצים,
דאָ ווערט מײַן אָטעם פאַרהאַלטן:
קינדער־סקעלעטן מיט בלעכענע שיסעלעך
בײַם אויסטיילן וואַסער־זופּ קאַלטן.

זקנים שטייען געבויגן, וואַרטן אין ריי,
אָן שיך, אין שמאַטעס געקליידט.
אַ שאָטן פאַרשטעלט מײַן בליק —
אַ לוויה אויפן לעצטן באַגלייט...

בײַם וואַנט פון געטאָ־מויער,
אַ ייִד אין טלית און תפילין,
פאַרטיפֿט אין זײַן טרויער
מורמלט שטיל אַ תפילה — — —

## צום פאָטער

— זינט דו האָסט מיך אַוועקגעשענקט
דעם בלענדיק־ווײַסן שנײ
ווייס איך ניט
צי בין איך דאָס קינד,
צי בין איך דער זקן.

האָב ניט פאַראיבל, פאָטער,
וואָס כ׳האָב מיט זיך מיטגענומען
דײַן פרייד, מײַן קינדישן געלעכטער הערן,
דײַן זאָרג צו זען מיך מאָזלען, פאָקן.

האָב ניט פאַראיבל, פאָטער,
וואָס כ׳האָב דיר איבערגעלאָזן מײַנע טרערן — — —

— דורכן אַש בין איך פאַראייניקט מיט דער מוטער,
איניינעם שטראָמען מיך
דורך די אָדערן פון דר׳ערד,
די ערד, געווייקט אין בלוט און טרערן.

דורך די אָדערן פון דר׳ערד
טוען מיר דײַנע טריט פאַרנעמען,
דײַנע זיפצן הערן מיר דורך די זאַנגען
וואָס בליִען אויף די פעלדער
מיטן בלוט און אַש פון הייליקע קהלות;
תּפילהדיק סודען זיך די וועלדער:
„דער בורא עולם גליווערט
בלעטערנדיק די נײַע מגילות״ — — —

זינט דו האָסט מיך אָוועקגעשענקט
דעם בלענדיק־ווײַסן שניי,
בין איך דער זקן
און כ׳בין דאָס קינד;
ס׳האָבן זיך מיר אויסגעשניטן
שטאַרקע ציינער צוויי
כּדי אָפּבײַסן דעם נאָפּל
פון צעפּוילטער וועלט:
אָפּגיין זאָל דאָס טומאה־בלוט,
אָפּפאַלן זאָל עמלקס האַנט —
די דורותדיקע רוט — — —

# אין בוכנוואַלד־לאַגער

— פאַר אליעזר וויזעל

האָב ניט מורא, זון,
שלאָף, שלאָף־איַין,
דער גוטער מלאך ברענגען וועט
די ליכטיקע מאַמע דיַין,

פאַרן הענטל האַלטן
דיַין שוועסטערל צפּורה;
אין פראָסט אין קאַלטן
שמייכלען זיי אָן מורא.

דער שניי דער קאַלטער
פאַרווישט ווי מיט דער האַנט;
אַוועקשווימען וועלן מיר אַלע
אין וויַיטן שלום־לאַנד.

שטאַרק דאָס האַרץ דיַינס,
קרעפּטיק דיַינע ביינער —
באַפריַיער איז אויפן שוועל,
זון, מיַין איינציק איינער.

שלאָף, מיַין זון, שלאָף־איַין,
דער מאָרגן וועט ליכטיק זיַין.

# דאַניעלאַ *

דער לעצטער גאַנג האָט געשלאָגן.
גרויל האָט געשפּאָלטן דעם טאָג,
פלעדערמײַז האָבן זיך אַרײַנגעטראָגן
מיט ווילדן, מיט פרעכן געיאָג

פייגל זענען צעשראָקענע געזעסן,
אייגענע פעדערן האָבן דאָס לײַב געבריט;
פרעכער אָטעם געסמט האָט געפּעסן
פון פייגל, אין צוואַנגען געשמידט — — —

דער גאַנג האָט ווידער געשלאָגן,
דעם הימל געשפּאָלטן אויף צוויי;
וואָלקנס האָבן שלייערן אָנגעטראָגן
און דאַניעלאַ׳ן פאַרוויקלט אין זיי.

זי איז פאַרן כּסא הכּבוד געבליבן שטיין,
מיט אירע טאָג־ביכער אונטערן אָרעם,
הינטער איר בליק — אַ ים מיט געוויין:
אַן אבל, אַן אַ בית־עולם, אַן קברים — — —

✶

איך, דאַניעלאַ, אַ טאָכטער פון דײַן אויסדערוויילט פאָלק:
— איך קום פון קעסלגרוב, איך קום צו דערציילן:
— אין מײַן הארץ טראָג איך טויזנט פּײַנען פון מײַן פאָלק;
— מיט וואָס, אָ, גאָט ברוך הוא, ועסטו זיי היילן?

---

* העלדין פון ק. צעטניקס אַ ווערק.

## אַ געבעט

— איינע פון די 93 מיידלער
וואָס האָבן מקדש השם געווען

נאַכט, נידער אַראָפּ דײַנע פליגל,
היל מיך אײַן, דעק מיך צו,
ווי אַ מאַמע דאָס קינד אין וויגל
גיב מיר כּוח, גאָטעניו, גיב מיר רו.

כ׳בין דאָ מיט מײַנע 22 ל״ג בעומרס
פאַר דיר גאָט, אַן אָפענע ווונד, —
פון דײַנע חוקים אַ פאַרכטיקער שומר,
איצט וואַרט אויף מיר אַ תּהומיקער גרונט.

כ׳בין די עלטסטע פון 93 טעכטער,
דאָ, אין מקדש פון בנות יעקב־שטוב,
גאָט, זיי אונדזער היטער, אונדזער וועכטער,
צניעותדיק זאָלן מיר אָנקומען אין גרוב. —

מוטער שרה, דוס׳ט געליכטיקט אונדזערע טעג:
צו גאָט ברוך הוא, געטאָן האָבן מיר תּפילה,
שטאַרק אונדז, פאַרכטיקע מוטער, אין לעצטן וועג,
אין שעה פון רייניקונג, אין שעה פון טבילה...

טאָכטער. נידער אַראָפּ דײַנע ברעמען,
דער בורא עולם וועט שענקען רחמימדיקע רו;
די אמהות האָבן דײַן געבעט געטאָן פאַרנעמען
און מיר גרייטן אײַערע חופּות צו: —

די זיבן הימלען געטאָן האָבן מיר שפּאַלטן,
אַלע אייביקייטן וועלן אײַך מקדש זײַן —
מזרח, מערב, צפון, דרום וועלן די שטאַנגען האַלטן,
גאָט אַליין וועט טרינקען דעם ביטערן כּוס ווײַן.

## געטאָלע
(פּאָלקיש)

געבוירן ביסטו, געטאָלע,
געבוירן אין אַ צײַט —
מײַן חלום פון אַ בעטעלע
איז זייער, זייער ווײַט.
גלעט איך דיך, מײַן מיידעלע,
קוש איך דיך, מײַן קינד;
ס'ועט ברענגען דיר אַ קליידעלע
דער גוטער, גוטער ווינט.

געקומען ביסטו, מיידעלע,
געקומען אין אַ יאָר —
מײַן חלום, טײַער מיידעלע,
מיר פּאַר דײַן ליכטיקן דור.
גלעט איך דײַנע פּיסעלעך,
קוש דיך מיט מײַן בליק;
ס'וועט דיר ברענגען ניסעלעך
דער קלוגינקער וועוריק.

שלאָף־זשע איצט, מײַן געטאָלע,
שלאָף־זשע איצט, מײַן קינד —
ס'וועט ברענגען דיר אַ בעטעלע
דער אָדלער דורכן ווינט.
דער אָדלער האָט צוויי ריזן־פליגל
און מאָטאָרן פיר —
ער'ט צעברעכן נאַצי־ריגל,
דעם בלוטיקן וואַמפּיר.

געקומען ביסטו, קינדעלע,
געקומען אין אַ צײַט —
דײַן חלום פון אַ ווינדעלע
איז זייער, זייער ווײַט.
די צען געבאָטן, מיידעלע,
וואָנדערן אָן אַ לאַנד;
די שווערד איז אויסן שיידעלע,
די שווערד — אין שעכטערס האַנט.

געבוירן ביסטו, געטאָלע,
געבוירן אין אַ יאָר —
דײַן גורל, טײַער געטאָלע,
פון העלדיש גרויסן דור.
וועסט נאָך זײַן, מיידעלע,
דער עדות פון אַ צײַט,
דערציילן וועסטו, מיידעלע
דורך וווּנדער זײַן באַפרײַט.

שלאָף־זשע איצט, מײַן געטאָלע,
שלאָף־זשע איצט, מײַן קינד —
ס'וועט ברענגען דיר אַ בעטעלע
דער אָדלער דורכן ווינט.
דער אָדלער האָט צוויי ריזן־פליגל
און מאָטאָרן פיר —
ער'ט צעברעכן נאַצי־ריגל,
דעם בלוטיקן וואַמפּיר.

* ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרײַט ווילנע, זענען פון די באַהעלטענישן געקומען ייִדן, און צווישן אַ גרופּע קינדער איז געווען אַ מיידעלע, דאָס ערשטע קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין געטאָ, האָט מען איר אַ נאָמען־געגעבן — געטאָלע.

## אויף יענער זײַט פּריפּעט

אויף יענער זײַט פּריפּעט האָבן ביימער געבליט
ביימער־קרוינען אין פרילינגדיקן צוויט.

געשפּילט האָט דער פּריפּעט אין זילבערן שײַן,
געיאָגט האָבן כוואַליעס אין כוואַליעס אַרײַן.

„געירשנטע" גערטנער פון ייִדישע שכנים פאַרטריבן,
צײַטיקע גרינסן, תּבואות אויף גערטנער פון ייִדן.

אָנגעזאַפּט מיט בלוט יעדער בייט פון געהרגעטע ייִדן —
ביז הײַנט טוט דאָס בלוט אויף גערויבטע גערטנער זידן.

איבערן וועג איז געגאַנגען רויִק אַ יונגע מאַטראָנע,
פאַרן הענטל איר זונעלע, אויף אַ קייטל — די מאַדאָנע.

געטראָגן איר זונעלע הייזעלער פון בערעלע דעם שכן,
„אָפּגעשפּאַרט" אין יענע טעג פון ייִדישע בראָכן...

געוועזן דער נאַצי דאָ, ער האָט שײַטערהויפנס געצונדן,
אויף אייביק פאַרבלײַבן וועלן ייִדישע וווּנדן.

## אַ כראָניק

**א**

בײַם זײַט פון פּאָליעסער װאַלד
האָבן ייִדן פון מײַן שטעטל געהייליקט באָדן,
אַ בית־עולם, אַן אייביקע היים לדור דורות.
אײַנגעזאַמלט אויף יענעם באָדן האָט מען
באַבעס טײַערע און ליכטיקע זיידעס;
ערד האָט אײַנגעזאַפּט דאָס בלוט,
צײַט געזויבערט האָט די ביינער.

**ב**

רוצחים געצונדן האָבן די װעלט,
שטורעמס צעטראָגן האָבן די פלאַמען;
מענטש איז אַרויס פון יושר־ראַמען,
געפּלינדערט און געבראָכן אַלע צאַמען:
באַרויבט און געשענדט צלם־אלהים,
אויפגעאַקערט דורותדיקן בית־עולם,
מתים־ביינער געשלײַדערט פון די קברים.

**ג**

נביא יחזקאל! — שפּרייט אויס דײַנע פליגל
אויף יענעם פאַרשעמטן בית־עולם,
װוּ ביינער זויבערע פון עופעלער,
שאַרבנס פון זקנים און למדנים װאַלגערן זיך,
אויפן שפּילפּלאַץ בײַם פּאָליעסער װאַלד.
זקנים, למדנים און ייִדן פּשוטע
אָפּגעהיט האָבן גאָטס געבאָט;
זאָל דײַן נבואה אָפּװוּײַכן פאַרשעמטקייט
און הייליקן דאָס דורותדיקע געביין
פון ייִדן ערלעכע, פון ייִדן פּשוטע, אָמן.

## צום תענית

### א

גאָט, ווי נעמט מען כּוח אַוועקצוגיין אין וואַלד
און אויסוואָרצלען דיביימער מיט די שטאַמען?
מיט די ביימער־קרוינעס פון דײַן וואַלד
פאַרווישן — דעם שפור פון וועלט, אויסראַמען
און אָפּקילן מײַן פּנים אין פאַרוווּנדיקטער ערד.
כ׳וויל מער ניט קלאַפּן אין טויבע ווענט.
דאָס בלוט פון מײַן פאָלק זאָל הײַנט ווערן דערהערט,
דערנאָך זאָל מען וועגן, מעסטן פונקטן אין דזשענטל־הענט.

### ב

מער ווי איין תענית האָב איך פאַרזוכט אין טעם,
און ווי דער לייב אין יענער וווּנדער־מעשׂה
אַראָפּגעלעקט דעם ווייטאָג פון מײַן לײַב. —
געהלומט ס׳וועט אויפגיין איבער וועלט די גוטסקייט פונעם לאָם,
האָט די פלעדער־מויז צעפּליקט די זילבער־וואָלקנס די ווײַסע.
האָב איך הײַנט, מיטן ערשטן שטערן, מײַן ציטער אײַך געשיקט.
האָט דורכן פענעץ ברויט אַ טרער געגליוועט —
געקנוילט אין מײַן דינעם האַלדז — מײַן חלום ניט דערשטיקט.

## מינסק

מינסק, ווי דער אָדלער מיט פליגל צעשפּרייטע,
געוואַכט איבער שטעטלעך — זײַן ליכטיקער פאַרמעג;
געבאָוועט דורך הערלעכע יאָרן און טעג
ייִדן, בתּי־מדרשים, גערטנער פאַרזייטע.

האָבן ייִדן תּורה געלערנט, געדינט גאָט,
געהאַנדלט, געוואַנדלט, וואַרשטאַטן געפירט;
שטובן געריייניקט, די מזרח־וואַנט געצירט,
דורך עבודה און שלווה געהיט גאָטס געבאָט.

געשוועבט האָט דער פויגל־קעניג דורך ליכטיקע ראַיאָנען,
געפרייט זיך מיט שוואַלבן אין זיכערע נעסטן.
איבער מענטשן־היימען, אין הימלישע פאַרמעסטן,
אָנגעטראָגן האָבן זיך שפּאַרבער־עשאַלאָנען — — —

מינסק. דער אָדלער מיטן פערלמוטער־שנאָבל געבויגן,
פליגל פאַרלייגט, מיט אייביקן צער און די אויגן.

# איר געזאַנג

— פאַר רחל ה. קאָרן

אין איר „דאָרף" ווער איך אָפּט אַנטרונען.
ציטערן מײַנע אברים ביז די שפּיצן־פינגער,
שפּאַן איך איבער פעלד און וואַלד: —
דאָרפס־לײַט אַקערן, הונגערן און זייען.

די פאַרלאָזטע יונג־פרוי
הונגערט אונטערן פלאַם פון לעבן.
קינדערלעך
מיט אויפגעלאָפענע בײכלעך וויינען, וויינען,
דורך די נעכט — — —

די אַלטע האַנקע
אָפּגענומען האָט קינדערלעך אויפן שוועל פון טאָג.
ווער קאָן דערציילן פון איר שליחות?
ווער קאָן דערציילן פון איר גוטסקייט?

איר אייניקל איוואַן
אויפגעהויבן האָט זײַן האַק,
איבערגעשניטן דער אַלטער האַנקעס גוטסקייט,
אויסגעלאָשן דער אַלטער האַנקעס ליכטיקייט.

איבער גרענעצן פון דער וועלט
געוואָגלט האָט די זינגערין פון „דאָרף";
אין אבלדיק געמיט אָנגעקומען
צו די ברעגן פון דער פרײַער אַמעריקע
אויפן יום־טוב פון וואָרט האָב איך זי געטראָפן,
אויפן יום־טוב פון וואָרט האָב איך זי דערזען.

## דער פײַערפויגל

שפּאַרבערס האָבן די זיבן הימלען צעפּליקט,
פלאַם־פײַערן אויסגעמישט האָבן ערד מיט רויך.
פייגל פון נעסטן צעיאָגט,
מענטשן — אַנטרונען פון היימען,
אַ מענטשן־בריק געלאָזט האָט זיך אין גרויליקן נע־ונד.
פלאַם־פײַערן געברענט האָבן, געבריט —
געשוווּמען איז האָבן־און־גוטס אין טײַכן בלוט.

אַראָפּגעלאָזט האָט זיך דער פײַערפויגל,
געצאַמט שפּאַרבערס זאָלן די וועלט ניט צעפּענעצן —
פאַרכאַפּט האָבן פלאַמען פליגל פונם פײַערפויגל,
פראַמעטייס שליח געבליבן איז ליגן אין אָנמאַכט.
אַראָפּגענידערט פון זײַן היכל האָט פראָמעטיי —
געטרייסט זײַן ליכטיקן שליח:

„דײַן רוקנביין איז גאַנץ,
פליגל אָנוואַקסן וועלן דיר מעכטיק, גרויס,
טראָגן וועסטו מײַן ליכט איבער גאָרער וועלט.“

אָנגעפלויגן איז די טויב,
ווי אַמאָל צו נחן מיטן גרינעם בלאַט;
מיט סאַמעט־פליגל געגלעט די מידע אויגן
פון רחל ה. קאָרן, און זי געטרייסט:
„רחל, רחל, דער ראָמאַן פון דײַן חלום
שוועבט מיט אַלע שיינקייטן אין הימלישן חלל.“

## ר׳ בערטשע דערציילט

— דאָס ייִדיש פאָלק, הינטער געמויערטער וואַנט,
אונדזער וועלט געצונדן אין העלישע פלאַמען,
געזען האָב איך, זיך לעשן גאָטס לאַמען
אונטערן פײַער־קנוט פון רוצחישער האַנט.

דאָס טאָג־טעגלעכע געוואָרן איז מײַן תּפילה —
געטאָן האָב איך טווּנגען פון בני־אָדם.
פאַרשעמטקייט, שמאטעס — אונדזערע בגדים;
דורך תּהומען איז אויפגעקומען אַ נײַע מגילה.

און דער רבי ר׳ בערטשע האָט דערציילט:
מן פון הימל האָבן מיר ניט געגעסן
פון גאָטס הענט — די הייליקע געפעסן, —
זײַן גנאָד האָט געשטאַרקט און געהיילט.

— העלף, בורא עולם, אויפן וועג צום אָרון קודש,
רחמימדיק אויפצונעמען פון דריטן חורבן די עדות.

---

אַ געשטאַלט אין בוך — „אינדזלען אויף דער ערד״ פון מ. שטריגלער.

## אין חלום

— געווידמעט אליעזר וויזעל

I

נענסיס זון האָט אין חלום צו מיר גערעדט:
— ניט וויין!
גיב דײַן האַנט און קום, לאָמיר גיין
אויף וועגן פון אַלע גלותן,
וווּ דײַן פאָלק האָט געוואָגלט.

אויפקלײַבן זאַמדן וואָס זיי האָבן באַטראָטן
אויף זייערע וואַנדערונגען —
מיט טרערן פון זעקס מיליאָן קדושים
אויסקנעטן ציגל,
אויסברענען אויף דער אייביקער זון,
אויפשטעלן אַ מוזיי פאַר דער וועלט.

II

דער זון פון דײַן פאָלק,
מיטן גאָלדענעם שליסל אין האַנט,
אויפפראַלן וועט די טיר פון שרײַען,
שטראָמען וועלן מענטשן
מאַרבע פנות העולם
צום הייליקן טעמפּל.

לערנען וועט די וועלט
וועגן העלדן־מוט,
וועגן גיבורים וואָס האָבן געשטורעמט
די שטאַנגען פון ערד־קײַלער.
ניט וויין —
ניט וויין —
זינג!
אין גײַסט פון הייליקע זעקס מיליאָן:
אני מאמין, אני מאמין באמונה שלימה.

---

נענסיס זון: אייבראַהעם לינקאָלן.

## מיטנאַכט

— פאַר אליעזר וויזעל

מיטנאַכט שטייט איינער
בײַם שטענדער —
געהילט אין מחשבות

אַלע מחשבות קייטלען לעגענדע
קייטלט ער וואָס געווען,
קייטלט וואָס ער׳ט געזען —
אייביק זײַן געזאַנג.

## האַרבסט

נאַקעטע ביימער אין האַרבסט
ווי מנורות נאָך יום־טוב־טעג.
אויסגעברענטע פײַערן.
שטייען צווײַגן —
הענט אין געבעט
צום הימל,
צו גאָט.

## מרים

נישט די פּויק, דעם סצעפּטער
נעם איצט אין דײַן האַנט, —
רוף צונויף דײַנע באַרעם־שוועסטער
און גיי מיט זיי פון לאַנד צו לאַנד.

שרה וועט טרייסטן פאַרוואַגלטע און היילן
מיט באַלזאַם, קושן זייער וווּנד;
צווישן געיאָגטע רחמים וועט זי טיילן,
שטאַרקער אָנקניפּן מיט זיי דעם בונד.

רבקה וועט קלאָגן מיט די פּליטים:
„צוויי אומות געבאָרן האָט מײַן אינגעווייד;
וואָגלט אום יעקבס שטאַם איבער שבעה ימים,
דורך מײַן געביין האָבן פעלקער זיך צעשיידט.״

לאה וועט געגנענען צו די אין פּײַן און שרעק,
מיט ציטער אין אירע וואַכע הענט,
אָפּהיטן זייערע מידע טריט אויף יעדן וועג
און אָפּווישן דעם שטויב פון גאָרער וועלט.

און רחל וועט לויטערן מיט אירע טרערן,
איבער פאַרצאָגטע קינדער פון יעקבס זאָמען.
הענט אירע צום הימל — געצונדענע מנורה־רערן,
לײַכטן זיי דעם וועג דורך בלוט־מבול אין תּהומען.

## אַ זון־רויז פֿאַר מײַן פֿענצטער

אַ זון־רויז פֿאַר מײַן פֿענצטער,
פֿאַרשמייכלט האָט אויף אַלע
בלעטעלער, מיט זון־שטראַלן
געלויכטן און געוואַרעמט.
געוויקלט כ׳האָב זיך אין זון־שטראַלן,
געציילט, געציילט געלע בלעטעלער,
געלע לאַטע — מײַן „יחוס־בריוו" פֿון דורות.
ציילנדיק כ׳האָב זיך פֿאַרפּלאָנטערט:
אין אַ ציפֿער וואָס בריט מײַן האַרץ
די ציפֿער ציילט אימה, גרויל, —
דריטער חורבן.

פֿון פּלאָנטער באַפֿרײַ מיך, גאָט,
פֿון חשבון, פֿון ציילן באַפֿרײַ מיך.
שיק אויף דײַן וועלט אַ נײַעם יוקליד,
נײַע עלעמענטן זאָל ער אויפֿמישן —
אויסברענען זאָל דאָס גרויל אין חלל,
וואָס טראָגט מיטן רויך שאָטנס
פֿון פֿאַרברענטע ייִדן.

## דער שליח האָט געוויינט

— נחום כאַנינען

אויף יענער זײַט ים איז אַ חורבן געווען,
אַ שליח איז געפאָרן, געוואָלט האָט ער זען,

טרייסטן די געראַטעוועטע פון פײַער און פלאַם, —
אויף אַ שיף זיך געלאָזן, איבער אַטלאַנטישן ים.

די שיף האָט געשניטן כוואַליעס דורך שטורעם,
דער שליח, אין האַרץ, אַ טרייסט-וואָרט געפורעמט.

אויפן דריטן מעת-לעת איז די שיף אָנגעקומען,
ייִדן-אבלים האָבן דעם שליח אויפגענומען.

פון בוידעמער, פון וואַלד און פון גריבער,
האָבן קינדער געשטראָמט, און פון חרובע שטיבער.

אָן טרערן האָבן קינדער געשוויגן, געשוויגן,
דורך פאַרגליווערט געוויין — צער האָט געשריגן.

אַ טרייסט-וואָרט געזוכט האָט פאַרשטומטער שליח,
גרויליקע שטילקייט האָט געשפּאָלטן דעם מוח.

טויזנט פּאָר אויגן האָבן די לופט דורכגעשטאָכן, —
דער שליח, אין אַ גרויס געוויין האָט אויסגעבראָכן.

און קינדער מיטן שליח האָבן געוויינט אויף אַ קול:
גאַנץ אייראָפּע געוואָרן איז אַ יאָמערטאָל — — —

## בײַם ים

בײַם ים צווישן צענדליקער מענטשן
האָב איך איינע מיט אַ שוואַרצן נומער
אויף איר קלאָר־ווײַסער האַנט געזען,
איר יונג פּנים פאַרהוילן אין קומער, —
נאָך טעג פאַרברענטע אין מאַידאַנעק.

טאָכטער ייִדישע, מיט צער אין מײַן האַרץ
טראָג איך זיך אויף יענער זײַט צײַט.
איך בין אַן אָבל אָן אַ בית־עולם, אָן קברים;
פאָרן מיט ייִדן נאָענט, פאָרן מיט ייִדן ווײַט —
נאָך טעג פאַרברענטע אין מאַידאַנעק.

זינט עשׂוס אייניקלעך די וועלט האָבן געצונדן —
דורך די דורות דער פלאַקער ברענט.
היטן יעקבס אייניקלעך ישׂראלס גרענעצן,
זיי ווישן אָפּ צאַמען און וואַרפן־אײַן ווענט —
נאָך טעג פאַרברענטע אין מאַידאַנעק.

איבער מדבריות געוואַנדערט האָבן יעקבס אייניקלעך,
וועלט אין אַלע תּקופות געבריט האָבן זייערע טריט.
יעקבס שטאַם געשטאַרקט אויף זײַנע וואַנדער־וועגן,
ניט אויסלעשן וועט עשׂוס שׂנאה דעם אייביקן ייִד. —
נאָך טעג פאַרברענטע אין מאַידאַנעק.

## אונטערן הימל פון ווילנער גאון

— אוריאל ווײַנרײַכן לזכרון

**א**

אונטערן הימל פון ווילנער גאון
אַ ייִנגל געוואַקסן איז לולב־דין;
געפלאַטערט איבער פּירקאַנטיקן אות,
און פאָלק האָט געבענטשט זיך מיט אים.

אין זײַן חלום — אויף דער וואָר —
געזען ווערטער אין שורות שוועבן,
געטראָגן פון זײַן חלום — אײַנגעזאַמלט
פֿאַלקס־מעשׂיות אין לויטערע געוועבן.

צעפלאַטערט איבער גאַנץ ייִדיש־לאַנד,
זײַנע טוונגען — הערלעבע געזאַנגען;
איבער גרענעצן, דורך פעלד און וואַלד,
יוגנט אַנטקעגן אים זענען געגאַנגען.

אותיות ווי פייגל אין סטײַעס, —
אַנגעפלויגן אין שטילן געפלאַטער;
אין בלי־ענדיקסטן טאָג פון זײַן לעבן
געטראָפן דעם זינגער אַ מאַטער — — —

יעדער אות וואָס ער האָט געצערטלט,
יעדער ספר וואָס ער האָט געבונדן,
זענען פון ייִדיש־לאַנד די אוצרות —
און דער חלום וואָס ער האָט געצונדן.

ב

אלול־ווינטן פליקן די בלעטער,
ציטערן צווײַגן אין האַרבסטיקער לופט;
דער בית־עולם געגאַרטלט מיט עטער,
צום בערגל ערד אַ געשטאַלט זיך שופט.

די לבנה טריפט ליכט, ס'פליסטערן די בלומען,
דאָס בערגל ערד דעקט אָפּ פון זיך די גראָזן;
— נאַכט, לאָמיר זען ווער ס'דאַרף הײַנט קומען,
צוליב וועמען דער נפטר וועט דאָס אָרט פאַרלאָזן?

קראַנצן זענען דורכגעפלאָכטן מיט לבנה־שטראַלן,
נאַכט איז אָנגעזאַפּט מיטן אומעט פון די שטערן;
כ'זע שאָטנס ציִען זיך אַהער, אויפן פעלד זיי פאַלן,
אין רויש פון אײַלנדיקע טריט טראָפּען הימל־טרערן.

אָט בייגט זיך אַ געשטאַלט, אָט הערן מיר אים ריידן:
— דײַנע טווּנגען שטייען געצונדן — ליכטיקע מנורות,
רעדט דער ווילנער גאון מיט ליבשאַפט פון גן־עדן, —
דײַן חלום זון, וועט לויכטן, לויכטן דורך דורות — — —

## חיים גראַדע

### א

דער אָבל־משורר
ט׳דורכגעווייקט אין טרערן די ערד,
וואָס האָט איַינגעשלונגען יידן
מיט זייער האָב,
מיט זייער גוטס,
מיט זייער חלום.
נאָכן בלוט־מבול געזען „אייראָפּע אָן קינדער״
זיַין פאָלק אָן אַ בית־עולם, אָן קברים,
געזען בערג אַש פון יידישע קהילות.

מיט אַ תפילה
געזעגנט ביַים מאָנומענט פון די קאָמונאַרן,
אָנגעקומען צו די פריַיע ברעגן — אַמעריקע.
אין וווּנדער דערזען די שטאָט
פון קרעינ׳ס „ברוקלין ברידזש״.
פון וואָלט וויטמאַנס מאַנהעטן:
ווי מענטשן איַילן, איַילן, איַילן —
איַינצושלינגען האַנדל, איבעריאָגן ציַיט.

געמאַכט האָט דער משורר אַ שהחיינו,
אויפן וועג צו אחינו בני־ישׂראל.
ביַים ערשטן „לחיים״ דערהערט זיַינע ברידער
צעהאַלבן, צעפּערטלען ס׳מאַמע־לשון,
האָט דער משורר זיך פאַרנומען
צוריק אין זיַין באַליבטער שטאָט ווילנע.
מיט זיַינע וווּנדער־געציַיגן געבויט, געשניצט,
אויפגעשטעלט דעם בנין, ווי איבסענס
בוימיַיסטערס ווערק — „אויב ניט נאָך העכער״.

ב

אימפּעט געטראָגן האָט דעם וואָגלער
אויף די פּרײַע וועגן — אַמעריקעס,
בײַם ראַנד פון די ניאַגאַראַ־וואַסער־פאַלן
געבליבן שטיין פאַרגאַפט, פאַר זײַן בליק
אויפגעשווּומען איז דער רויט־הויטיקער הייאַוואַטאַ,
מיטן שוווּנג פון זײַנע זינגענדיקע שבטים.
פּאָקאַהאַנטעס אַנטקעגן ווײַסן וואַסער־שטראָם,
דער זון־געקושטער רעגנבויגן איבער איר קאָפּ.

אומרו געטראָגן האָט דעם אָבל, —
אַנגעקומען אין די ראַקי־מאַוּנטנס
ווּו די גרונטן רוישן, רוישן.
קאָלאָראַדאָ קאָן דערציילן אויסטערלישע מעשׂהס:
טאַנצדיק טוען רויט־הויטיקע תּפילה,
זיי בעטן אויף הימלישן טוי,
זיי בעטן אויף געטלעכן רעגן,
זיי בעטן אויף כּוח פון זייערע שבטים.

מיד איז דער משורר געבליבן שטיין אויפן באָדן
פון דזשאָון בראַוּן
אייבראַהעם לינקאָלן
וואָלט וויטמאַן
מיט זײַנע אָדלער־פליגל געשוועבט
איבער זיבן הימלען, געבראַכט גן־עדן־ליכט,
צו היילן אונדזערע וווּנדן,
צו טרייסטן אונדז אין אונדזער גרויסן צער.

## דער קאַראַוואַן

נאָכן ווינטער האָבן די אונטער־שטראָמען
געוואָרעמט דעם פּאַנצער־געפרוירענעם פּריפּעט,
וואָס איז געשלאָפן ווי דער בער אין זײַן נאָרע,
דאָס אײַז אָפּגעלאָזן האָט פון דער ווינטער־גבורה.
גערירט האָט זיך דאָס פאַרפרוירנקייט,
געשפּאָלטן דאָס אײַז אין שטיקער קרײַעס,
וואָס האָבן געשטויסן איינס די אַנדערע,
ווי אײַז־בערג, ווי בלינדע ריזן־פיש.

די זון מיט איר חסד געשיקט שטראַלן, געשמאָלצן
ראַנגלענדיקע אײַז־קריעס פּראָסטיקע,
געלײַטערט און געזילבערט האָבן קלאָרע וואַסערן,
געשווומען און געפלאָסן זענען גילדענע כוואַליעס.

די שפּאָריקע דײַטשן פאַרהיטן האָבן זייערע קוילן,
וואָגאָנעס קינדערלעך געשלײַדערט לעבעדיקערהייט אין פּריפּעט;
אײַנגעשלונגען האָט דער זילבער־טײַך די קינדערלעך מיטן גרויל,
מיט זייערע געשרייען, מיט די קולות צו די זיבן הימלען.

געאָטעמט שווער האָט דער פּריפּעט,
די פיש גערודערט האָבן מיט זייער ווײדלען
דורך די וואַסערן איבער דער שווערער משא
און געזופּט די שוימיק־רײַכע שטראָמען.

לעבנגעבליבענע מאַמעס אַרומגעגאַנגען זענען
איבער דער ערד, ווי אויסגעלאָשענע לאָמפּן;
טאַטעס און ברידער אַרויס פון פּאָליעסער פאַרטיזאַנקע,
געשפּאַנט אַרום דעם פּריפּעט, פּרובירט טויכן:

אויפזוכן צייכנס פון אַ בערעלע, אַ שמערעלע,
אַ ביינדל פון האַנט פון אַ שרהלע, אַ רחלע.
אַרויפגעשווומען זענען די טויכער מיט שאַרבנס,
שאַרבנס ליכטיק־געלײַטערטע, שטיל, אָן ווײ־געשרייען.

אָפּגעשפּיגלט דאָס לויטער־בלויע האָט דער פּריפּעט,
אָנגעקוואָלן דער הימל מיט ליכטיקע פּור־וואָלקנס,
געפורעמטע פּערלמוטער־שיפלעך צו קרײַזן די הימלען,
אָנגעלאָדן מיט שאַרבנס פון בערעלעך און רחלעך און שמערעלעך.

אַ טרייסל געטאָן האָבן זיך די זיבן הימלען,
באַפוילן האָט כביכול זײַנע כרובים:
„גייט איבער די וועגן פון אייראָפּע, זאַמלט אויף
צעוואָלגערטע שאַרבנס פון גרויס און קליין.״

זײַנע מלאכים באַפוילן פליִען איבער בערג און טאָלן,
אויפקלײַבן שפּילעכלעך פון דערהרגעטע קינדערלעך,
אָנפילן די שאַרבנס, צעשטעלן אין די פּערלמוטער־שיפלעך;
קרײַזן וועלן זיי די זיבן הימלען אייביק, אייביק!

אין גרויס געיאָמער האָבן די מלאכים צוריקגעקערט:
„בורא עולם, פּאַר אַזאַ גרויסן קאַראַוואַן וועסטו דאַרפן
שפּרייטן נאָך הימלען.״ — אָבלדיק איז דער בורא געבליבן שטיין:
„אַזוי פיל דמיון, אַזוי פיל גאונות האָב איך פאַרשפּילט.״

„ווער וועט אויסזינגען זייערע געזאַנגען? ווער וועט אויסשפּילן
די פרייד פון זייער פאַרלאָשן לעבן?״ — יאָמערט דער בורא עולם,
יאָמערן די מלאכים, יאָמערן די כרובים אויפן חורבן:
שוועבן אין חלל אַשן פון בערג אין די קרעמאַטאָריעס.

# גאולה

## די שליחות

געלאָדענע קעמלען
געפירט כּלה־מתּנות רבֿקהן,
געבענטשט האָט אבֿרהם דעם וועג.
מדבּרדיק שווער —
געצויגן האָבן זיך די טעג.

אין יענער געבענטשטער שעה
אָנגעקומען איז רבֿקה
צום קוואַל —
אָנגעטרונקען דורשטיקע
פֿון ווײַטן מדבּר־וועג.

אליעזר געטאָן האָט זיך בוקן,
געטאָן האָט ער דאַנקען
דער שיינער רבֿקהן
פֿאַרן קרישטאָל־קלאָרן וואַסער,
וואָס האָט דערקוויקט דורשטיקע שליחים.

אליעזר,
איבערגעגעבן כּלה־מתּנות
פֿון פֿאָטער אבֿרהם,
געבוקט האָט זיך רבֿקה
אונטער אָפֿענעם הימל
אויפֿן באָדן פֿון חומש־לאַנד:
פֿאַרזיגלט האָט זיך
דער בונד פֿון די שטאַמען —
לעולם ועד.

## לייענענדיק שמואל־א׳

דער אָכטער זון, דער ליבלינג,
צוגעטיילט כּבוד דעם פּאָטער
ישי, געפּרייט זיך האָט דער פּאָטער
און געצערטלט זײַן ליבלינג.

מיטן פּאַסטוך־ייִנגל געיובלט האָבן
די בערג, דאָס פעלד, די שעפּעלער,
גרין־צעבליטע לאָנען פאַר שעפּעלער,
אין זוניקע טעג געפּרייט זיך האָבן

מיטן שפּילן אויפן חליל פון פּאַסטוך־ייִנגל
געוועבט הערלעכע ניגונים אין חלל —
געשטילט אומעט אין זײַן חלום,
אומעט אין האַרץ פון פּאַסטוך־ייִנגל.

בײַם אויפגיין פון דער מאָרגן־זון
קומען סטײַעס פייגל אָן צופליען,
באַפליגלען דאָס פעלד אין גליען —
פאַרבלייכט נאַכט־שאָטנס די מאָרגן־זון.

וויגן זיך שעפּעלעך אין געטלעכער זעט,
צופּן גרעזער אויף גרינע בערג,
טרינקען טוי אויף גאָטס ווערק,
קרויזן פלאָטערן פון ווינטס גלעט.
אין חלל פּינקלט שוין —
צייכן פון מלכות קרוין...

## די פּאַסטושקע

— פֿאַר רבֿקה באַסמאַן

די זון האָט אויסגעגאָסן
דאָס האַרץ אין פֿאַרבן,
שפּרייט זיך איבערן הימל
געטלעכער ווייַן.
אין יענעם פֿאַרנאַכט
געטריבן האָט
די פּאַסטושקע
געגנדזלעך
צום באַרג מיט שטערן.

מיטן צויבער־שטעקעלע
אין האַנט
פּרייט זיך די פּאַסטושקע
קוקנדיק אויף
אַלאַבאַסטער־שנעבעלעך
וואָס שעמערירן
וואָס וויקלען זיך
אין שטראַלן פֿון דער זון.

מיטן כּשוף־שטעקעלע אין האַנט
זינגט די פּאַסטושקע
איר הערלעך ליד:
— פֿרילינג קומט צופֿליִען
אויפֿן פֿליגל־פֿערד *
צעבליט זיך דאָס לעבן
צעצוויט די גאַנצע ערד
ווען פֿרילינג קומט צופֿליִען
אויפֿן פֿליגל־פֿערד.

---

* פּעגאַס.

**חוהס וויגליד**

מײַן טײַערער זון קינ׳דל,
האָב ליב די זון, די פּלאַנצן;
שפּיל ניט מיטן שפּיצן־שטיינדל —
אונטער דער זון פליטערלער טאַנצן,
פליטערלער טאַנצן.

מײַן טײַערער זון קינ׳דל,
האָב ליב די זילבער־טײַכן,
פון שטיינדל־שפּיל, מײַן קינ׳דל,
זאָלסטו תּמיד ווײַכן, —
תּמיד ווײַכן.

מײַן טײַערער זון קינ׳דל,
האָב ליב צעגרינטע פעלדער;
ווײַך פון שטיינדל־שפּיל, מײַן קינ׳דל,
האָרך שטילן סוד פון וועלדער,
סוד פון וועלדער.

מײַן טײַערער זון קינ׳דל,
האָב ליב די געטלעכע רו;
אָן שטיינדל־שפּיל, מײַן קינ׳דל,
וועט זינגען דײַן מאַמע ליו־ליו,
וועט זינגען דײַן מאַמע ליו־ליו.

## די ווונדערלעכע עולה

— דער פרעמיערן גאָלדע מאיר

איז געקומען אַ טאָכטער פון מילוואָקי
אין היימלאַנד,
מיטן עול פון וואַנדער־וועגן.

מיטן בליק האָט זי געגלעט
יעדן טאָל און יעדן היגל,
זענען איר אַנטקעגנגעקומען:
רבקה מיטן וואַסער־קריגל,
דורשטיקע קעמל אָנצוטרינקען —
די פּייקלערין, מרים הנביאה
פון נסים האָט דערציילט,
און די זינגערין דבורה
האָט געפּישופּט מיט איר ליד.

פול ווי אַ לאָגל,
מיט נסים און געזאַנגען,
איז די טאָכטער פון מילוואָקי
אין קיבוץ געגאַנגען.
שטיינער געהאַקט,
מאַלאַריע־זומפּן געטריקנט;
ביימער געפלאַנצט אויף נאַקעטע בערג.

פאַר אירע אויגן
האָט זיך צעפּלאַפּלט דער ירקון;
מיט קרישטאָלענע וואַסערן
געזונגען האָט די זון;
ווײַטער נגב נאָענט איז געוואָרן,
זענען סאַברעס אַהין געפאָרן
דעם נגב צו דערקוויקן —

און דער נשׂיא המדינה
האָט דורך מנורה־רערן
די קוואַלן געצונדן, —
און, גאָט לכּבוד,
האָט דאָס פאָלק ישׂראל געזונגען
אַ מזמור פון דוד.
און די זיבן מנורה־רערן:
גאָטס אויגן
וועלן מער ניט וואָגלען,
וועלן מער ניט וואַנדערן — — — —

## עַרד

ווינטן צעוויגן בלומען
אין צעבליטן ערד־גאָרטן;
גילדענע בינען זשומען,
שטיפן קינדערלעך דאָרטן.

דורך צוויטן שמייכלען ביימער
צום ליכטיק־געוועלבטן הימל;
אין לויב צום געטלעכן שומר
פלאַטערט דאָס זומער־בלימל.

בייטן צעעפענען לעפצן
אונטער אַקערערס האַנט;
נאָך טוי די זריעות לעכצן,
דער זייער שפּאַנט און שפּאַנט.

דורך טוי, דורך זון, דורך רעגן,
צייַטיקן תּבואות און זאַנגען;
גערטנער אויף אַלע וועגן
צו פעלדער זענען געגאַנגען;

מיט ברכות אויף די ליפּן
געבענטשט די הענט, וואָס יעטן
ווילד־גראָז אויף ערד געביטן;
גילדענע זון־שטראַלן גלעטן.

צעשטיפטע יִנגלעך, מיידלעך,
זיי טאַנצן און זינגען לידער
אויף צעגרינטע ערד פעלדער,
וואָס שטאַרקן זייערע גלידער.

קומען יונגע פּאָרלעך
צו בויען ישׂראלס גיטער,
צייַטיקן אויף עַרד־פעלדער
תּבואות פאַר די שניטער.

## אויף אייגענעם ווײַן

אויף אייגענעם ווײַן האָט איר
אַ ברכה געמאַכט —
איר, טעכטער פֿון תּנכישן שטאַם,
יורשים פֿון צוויטויזנט יאָריקן חלום.

דער חלום געשטאַרקט האָט אײַער טראָט,
געגאַנגען אַנטקעגן האָגל,
געגאַנגען אַנטקעגן חמסין,
געוועקט האָט אײַער טראָט דרימלענדיקן מדבר.

דערהערט אײַערע טריט האָבן באַרג און טאָל,
הימל און ערד איבער אײַך האָבן געוואַכט
זאָגנדיק:
„אַ חלום פֿון אַ פֿאָלק פֿאַרגייט ניט מיט דער נאַכט".

זע איך טעכטער פֿון זאַטע היימען צוּיען אַהער,
חנה טשיזשיק, פֿון טײַטש־חומש איז עולה אין לאַנד.
רחל פֿאַרלאָזט די פֿאַליטרע און די פֿאַרבן,
אין לאַנד זיי שווימען אויף שטורעם־כוואַליעס;
דער ים וויגט זיי אויף „מולטער"־שיפֿלעך,
צום ברעג פֿון אויסגעבענקטן לאַנד.

אין מילוואָקי געזעגנט גאָלדע דאָס פֿרײַע אַמעריקע,
זי לאָזט זיך אין לאַנד פֿון די אָבות.
אין היימלאַנד טוט זי אַקערן און זייען,
צעגרינען זיך לאַנען פֿול סאַמעט־גרעזער,
צעבליִען זיך פֿעלדער מיט בלומען, מיט זאַנגען.

הוידען ביימער עפּל און באַרן ווי גלעקער,
הוידען ביימער טרויבן און בלוט־רויטע ווײַנשל.
טאַנצט פאַמאַנאַ [1] מיטן פלאַטער פון בלעטער,
סירעס [2] טוט גלעטן צײַטיקע בייטן מיט תּבואה.

זינגט חנה ראַווינאַ דאָס ליד פון שלום,
זי רופט פרויען אין געזאַנג;
צו לערנען די שכנים דאָס ליד פון שלום —
טאַנצן פרויען מיט פײַפיאַלן, טאַמבורינען
אַנטקעגן — דאָס פאָלק פון צווייטוויזנט־יאָריקן חלום.

---

1 פאַמאַנאַ: מיטאָלאָגישע געטין פון פרוכט.

2 סירעס: געטין פון תבואה.

## געזאַנג פון שניטער

די וויסטעס פאַרזייטע,
דער נגב צעבליטער;
זיי קומען דערפרייטע,
די ליכטיקע שניטער.

זיי שנײַדן די זאַנגען,
ווייצן און קאָרן,
יובל געזאַנגען
אין שאַלן פון האָרן.

די סנאָפּעס זיי בינדן
צום חג העומר;
גאָטס זונען זיך צינדן
צום נײַעם ויאמר — — —

סאַברעס זיי זינגען,
די עולים אַנטקעגן
ס׳פלעכטן זיך רינגען
און שמידן די וועגן.

זיי קומען די שניטער,
מיט קוישן און גאַרבן;
פון באָדן די היטער
לדורות צו אַרבן — — —

## ישראל־וויגליד

שלאָף מײַן קינד מײַן צאַרטער ייִנגל
מאַך די אויגן צו,
ביז דער מלאך מיט סאַמעט־פליגל
וועט זינגען דיר ליו־ליו;

כ׳וועל אַ מעשׂה דיר דערציילן,
מאַך די אויגן צו,
כ׳וועל אַ מעשׂה דיר דערציילן,
שלאָף מײַן זון ליו־ליו.

די באָבע דאָבע פלעכט אַ שלייפל
פאַר דײַן רעכטער האַנט,
דער זיידע נתן פירט אַ שיסל
פאַר גריצעלעך מיט שמאַנט.

שפּילצײַג פירט ער אַ פולן קאַסטן
פאַר שטיפערלעך אין לאַנד,
שלאָף־זשע איצט מײַן צאַרטער ייִנגל
מיטן שלייפל אויף דײַן האַנט —

דײַן טאַטע־מאַמע אַקערן פעלדער
אונטערן הימל בלוי,
דײַן טאַטע־מאַמע פלאַנצן וועלדער
מיט קושן פונעם טוי.

שאָסייען ליגן ברייט געפלאַסטערט
פאַר דײַנע העלדן פיס;
אַנטקעגן קומען דיר גבורים,
גבורים — ריז נאָך ריז:

יהודה המכבי און זײַנע ברידער,
אונדזער אַלטער יחוס־בריוו;
זינגט רחל צו ירושלים,
באר־שבע און תל־אביב.

פֿון מצרים ביז דער שיף „עקזאָדוס"
ציט זיך אַ לאַנגע קייט —
אָט קומען בויער, אַקערער,
איך הער די טריט, מען גייט!

שלאָף־זשע איצט, מײַן צאַרטער יינגל,
מאַך די אויגן צו,
ביז דער מלאך מיט סאַמעט־פֿליגל
וועט זינגען דיר ליו־ליו־ו־ו.

## צו די חשובֿע מחברים

חשובֿע מחברים בעבֿרית
גורט זיך אָן מיט ליבע:
— צו ייִדיש —
גייט אין די פוס־טריט
פֿון אונדזער עלטערפֿעטער.
געזונגען האָט ער פֿון
זאַמד און שטערן —
די מוזע ניט עלטער איז געוואָרן.

ניט עלטער די מוזע איז געוואָרן
פֿאַר זײַנע געטרײַע יורשים —
זינגען זיי אונטערן זעלבן הימל
— אָרבֿיט —
נאָר באַשערט, „אוי" באַשערט
איז די געטרײַע יורשים זינגען
פֿון בלוט און טרערן...

## זיבן ברונימער אין נגב

אין זיבן ברונימער אין נגב
שפּיגלען זיך בלויע הימלען,
וועקן מדבר פון דורותדיקן דרימלען.
ס'היטן די ברונימער אין נגב
בחורים ובחורות —
זיי בויען, פורעמען אַ שטאַט.

קאַיאַר הייבן זיך אויף יונגע ביינער;
טוייִקער דרויסן איז שלווהדיק שטיל
יעדערער גייט צו זײַן ציל:
צום טראַקטאַר נעמט זיך איינער
דער פלאַנצער אַ ביימעלע טראַגט,
אַלע שיכטן דער נגב פאַרמאַגט.

פלאַנצער, אַקערער און בויער,
קומען אויף געצעלטן ווי נאָך אַ רעגן שוואָמען
מיט געזאַנג און ברכה זייט מען זאָמען.
פלאַטערן בלעטער צו ישׂראלס טויער
אַליוו־ביימער צײַטיקן די צוויטן
סאַברעס — די גרענעצן זיי היטן.

צעפּיבערט דורך אַרבעט איז דער טאָג,
די בערג קוקן אַראָפּ מיט פרייד
די זון אין פײַער־פלאַמען פאַרגייט,
טאָל און היגל געזעגענען זיך מיטן טאָג.
פאַרנאַכטיקע שלייערן הילן אײַן דאָס געמיט
פון פרדס און פעלד גייט מען מיט מידע טריט.

האָרנדיקע לבנה שווײַגט אויס אַ שאַלן.
די שטערן, זי רופט אין דער נאַכט.
אויף שמירה שטייען סאַברעס: מע וואַכט.
פון די בערג ציִען זיך שאָטנס און זיין פאַלן
אויף טויִקע פלאַנצן און אויף גראָזן
האָבן זיך טריט צו די שומרים געלאָזן.

כּלי־זיין אין די הענט פון דער וואַר!
געפעסטיקט דורך דורותדיקער גבורה
אַ געשטאַלט לויכט אויף — אַ ליכטיקע בשורה:
— פון אוהל כ׳האָב אַראָפּגעשלײַדערט דעם דאַך,
אין בית־לחם, דורך לאַנגער נאַכט און שטערן
איך בענטש אײַך, איר טוט אָפּווישן מײַנע טרערן...

— די זיבן ברונימער אין נגב טוט איר היטן:
„מים חיים" זינגט דאָס הארץ פון דער נאַכט
און איר, אברהמס אייניקלער, איר וואַכט,
אונטער שלייער־שאָטנס אונטער הימל צעבליטן:
כּלי־זיין, אַקעראײַזן אין אײַערע יונגע הענט
איר, ליכטיקע בויער, אין דער אייביקייט צעהעלט.

— דורך די טעג און דורך די לאַנגע יאָרן
אויפגראָבן וועט איר אוצרות אין די בערג.
פון שלמה המלכס קופּער־מינעס — גאָטס ווערק:
צויבער־וואַסערן וועלן באָדן טאָג דעם קלאָרן
בלי־חלום וועלן אין ימען אויסטערלישע פּערל קלײַבן,
אין ניגונים, אין לידער וועט איר דאָס פאַרשרײַבן.

און איר, מײַנע טעכטער, וועט אַוועקלייגן דאָס כּלי־זיין:
לידער וועט איר זינגען אײַערע קינדערלעך אין וויג
דערציילן די מעשׂה עשׂו — פֿון גרוויליקן קריג!
מדריכים וועלן לערנען תּלמידים: — און עס וועט זײַן
עולים וועל איך באַגעגענען מיט בענקענדיקע טרערן,
באַגעגענען וועל איך זיי מיט געזאַנג צו גאָט. מיט ליכט פֿון שטערן.

הכנעהדיקע לבנה פֿאַרבלייכט האָט אין פֿאַרטאָגיקן הימל
שטערן זענען ווי גילדענע פֿישעלעך פֿאַרשוווּמען
בײַם האָריזאָנט שנײַדט זיך נײַער טאָג צום קומען.
בלומען צעעפֿענען זייערע חושים צום זוניקן הימל,
פֿויערן שפּאַנען איבער פֿליינען איבער פֿלאַכן —
אויף זייערע טוונגען דער בורא עולם טוט וואַכן.

# ווידמונגען

## לייענענדיק „דאָס מעסערל״

— לכבוד שלום עליכמס 125־סטן געבוירן־יאָר

אויפגעשטאַנען איז דאָס ייִנגל מונטער פריי
אויסגעפּלאָנטערט זיך פון שווערע חלומות:
אין ברונען ליגט דאָס מעסערל אויף אַלע עולמות
גייט דאָס ייִנגל אין חדר לערנען אויף דאָס ניי.

אין נייעם חדר, ביים גוטן רבין, לערנען אָן מורא;
גייענדיק הערט דאָס ייִנגל ייִדן רעדן „האַנדל־וואַנדל״
פאַרשרייבט ער אויף פּאַפּירלעך, שמייכלט „האַנדל־וואַנדל״,
ציטערט אויף! — ניט פאַרמישן לערנען מיטן וואָרט **מורא.**

דאָס ייִנגל זעט אַ פערדל, אַ שיינס מיט פליגל,
כּהרף עין זיצט ער אויפן פערדל, ער פליט!
טראָגט זיך אונטערן בלויען הימל, אין האַנט אַ ריגל.

אָנגעקומען אין אַרביט פון דער זון זאָגט ער מיט הכנעה: —
איך וויל אַ קויש מיט שטראַלן, אויספלעכטן אַ קראַנץ
— פאַר דעם ייִד וואָס האָט אוצרות געלאָזן מיט זיין צוואה.

## לזכר משה קולבאַק

ליולקעמאַן גייט באַגעגענען דיסנער טשײַלד העראָלד
מיטן ווײַסן ציגעלע געפירט אויף אַ שטריק.
אײַלט באַקענען גאַלאַנטן דיסנער טשײַלד העראָלד
דער וועג פירט אויף אַ לאַנגער בריק.

פרייט זיך דער בחור מיט זײַנע גאַנצע ריפּן:
גלויבן וועט גובר־זײַן אין צעקריגטער צײַט —
ער פירט „אַ בינטל ווילדע לידער" פאַרשריבן,
אויפן הימל יאָגן כמאַרעס פון נאָענט און פון ווײַט.

טוי טוט גרינען בלומען־בייטן אין אַלטן וואַלד,
צויבערט בערלין פאַר זײַנע גיריקע אויגן זויבער;
דערשטוינט ווערט דער בחור בײַם גרענעץ־טויער באַלד
דערזעט דײַטשן צינדן סדר, פּלינדערן רו און צויבער.

צערודערט ווערט דער בחור אויף זײַן חלום־וועג,
בענטשט די שעה וואָס ט'פאַרהיט זײַנע יונגע טעג.

## פון דער בינע

— לכבוד גאָלדע מאיר

פון דער בינע האָט זי מיטגענומען
פולע הויפנס בלײַענדיקע בלומען.

אויף זיכערן באָדן איז זי געגאַנגען,
געקושט האָט זון אַ פעלד מיט זאַנגען.

איר אָדלער־בליק קוקט אַריבער אָפּגעלאָפּענע יאָרן,
טווּנגען אירע זעט זי ווי אין שפּיגל קלאָרן:

צום ברעג פון צוויי־טויזנט־יאָריקן חלום צוגעשווּמען,
כוואַליעס געשלאָגן האָבן באָרטן אונטער פלאַמיקע זונען.

דער באָדן מדברדיק פאַרטריקנט איז געווען,
עקשנותדיק אויפן שווערן וועג זיך דערזען.

צו מזרח אויסגעשטרעקט אירע וואַכע הענט,
מיט אַ תּפילה צום בורא־עולם זיך געווענדט:

„מײַן כּוח שענק איך דעם לאַנד פון מײַן חלום,
כ׳וועל אָפּראַמען שטיינער, ריין מאַכן די לופט אין חלל;

כ׳וועל אַקערן און זייען, פלאַנצן בלומען אוןביימער,
אויסהיטן פון געפאַר וועט דער אייביקער שומר" — — —

## פרינץ פון ליד

„מוזע גיב מיר לידער,
קראַנק בין איך אָן זיי.״
**מאַני לייב**

שלאַנק ווי אַ גאַזעל
געגאַנגען איז דער פּרינץ,
געזונגען פון בלימלעך,
געזונגען פון קרענצלעך.

געזונגען פון ניעזשין
געזונגען פון היים —
זײַנע הערלעכע געזאַנגען
דערנעענטערט — היים...

ער זינגט פון באָדן
וואָס שיצט זײַן טראָט,
ווייך איז דער באָדן
פאַר זײַן צאַרטן טראָט.

פרייט זיך דער זינגער
אין יִדישן געזאַנג,
רופט דאָס טײַער יִינגל:
בראַוו זאָל זײַן דײַן גאַנג;

— דו שטיפער, טײַערער!
הער אויס מײַן געזאַנג.
שטיף, שטיפער, דו טײַערער,
בראַוו זאָל זײַן דײַן גאַנג. —

## לייוויק אַנטלויפט פון סיביר

ווײַס איז דער שליטן,
ווײַסער דאָס פערד —
אַ מענטש אין דער מיטן
אויף סיבירער ערד.

אַ צי מיט די לייצעס,
די בײַטש אין דער לופט.
אַ הייב מיט די פּלייצעס
האָבן זיך שטערן געשיפּט...

אויף פריידיקער שעה
ער האָט זיך דערהאַרט;
אויף פערד און שליטן
דורך טעג לאַנג געגאַרט.

טראָגט זיך דער אָגער
דעם שטורעם אַנטקעגן
באַפרײַט איז דער יאָגער,
שנײַדט שליטן די וועגן.

ווײַס איז דער שליטן
ווײַסער דאָס פערד —
אַ מענטש אין דער מיטן
יאָגט צו פרײַער ערד!

## דער מײַסטער אין שווײַגן

— ה. לייוויקן

אותיות האָבן זיך אָפּגעטאָן פון בלעטער
דורך טאָוולען, דורך שורות, דורך ווענט.
ווי פייגל געשוועבט אין זוניקן בלענד,
דאָס ווּנדער וועט נגלה ווערן שפּעטער.

זענען וואָלקנס ווי בופלאָקסן אָנגעלאָפן
און באַשווערט די הימלען די זיבן;
שטורעם־ווינטן האָבן די וואָלקנס צעטריבן
אויסגעשטעלט אותיות ווי שורות אין סטראָפן:

— אונטער גמרא־בלעטער דײַנע לידער באַהאַלטן.
אין בוטירקע האָסטו אונדז אויך מיטגענומען,
אויף דער לאַנגע זענען מיר מיט דיר געשווּמען
געפלאָטערט צווישן ביימער אין וואַלד אינעם אַלטן.

פיר־קאַנטיקע אותיות האָבן הכנעהדיק זיך געבוקט,
דער מײַסטער האָט שווײַגנדיק אויפן ווּנדער געקוקט...

## יורשים צערטלען

אין אַ דורכזיכטיק לויטערן פרילינג־פרימאָרגן,
שטראַלן אויפגעלויכטן האָבן אין יענעם פרימאָרגן.

געאײַלט האָט מאַני לייב הערנדיק זינגען זײַן ליד „ייִדיש״ —
קומט לייוויק אַנטקעגן דעם ליבן גאַסט אין גרויס חידוש:

מאַני לייב, טראָגסט טרייסט אין מײַן לאַנגן בענקען,
זאָרג אויפן גורל פון ייִדיש־ליד טו איך געדענקען.

אונדזער ליד מיר האָבן געזייט מיט חלום, מיט ווייטיק,
מאַני לייב, מאַני לייב, אונדזער חלום איז אייביק.

און מיר האָבן געזייט, און געזייט, און געזייט —
אויף אַמעריקאַנער באָדן אויפגעבליט פּרוכטיקער בייט.

שײַערן ייִדישע צעעפנט האָבן טויערן און טיר,
יורשים צערטלען דאָס ליד פון דיר און פון מיר.

זיך געטרייסט האָבן דיכטער אין זייער גאַנג,
איבער מאַנהעטן־באָדן געשפּאַנט — גרויס געזאַנג.

זענען שטיינער געוואָרן ווייכער אונטער זייער טראָט,
געפרייט מיט די בעלי־חלום האָט זיך אויבעט גאָט. —

## אהרן קאָפּלאַנדס ניגון

אין דײַן אַפּאַלײשיען־פּרילינג
אויפֿגעבליט האָט
אַמעריקעס ניגון
אין עכטן
אין הערלעכן ריטעם.

הער איך בערג זינגען
אײבראַהעם לינקאָלנס חלום.
וואָלט וויטמאַנס
— סאַלוט אָה מאָנדע —
זע איך בריקן שווימען
איבער בלויע טײַכן
— גילדענע האַרפֿעס.

און סטײַעס שווימען,
פֿישן,
רודערן
מיט פֿין־פּעכערס
זופֿן קרישטאָל־קלאָרע וואַסערן
מיט דײַן לויטערן ניגון,
מיט דײַן יצירה.

דײַן געזאַנג צו „בילי די קיד"
זע איך אים אויסטאַנצן זײַן עלנט,
פֿיל איך זײַן בײַסיקן הונגער,
כּישופֿט דײַן ניגון
צו דער גראַציע פֿון זײַן טאַנץ.

אָקלאַהאָמאַ,
שטאָט פֿון רויט־הויטיקע
יורשים פֿון פֿירער פּאַוּהאָטאַן,
זיי באַקריינען די שטאָט
מיט פֿאָלקלאָר, מיט ווונדער־מעשׂיות,
אין זייער שיינקייט וועבסטו אַרײַן
דײַן ניגון, דײַן יצירה.
אַמעריקע.

# זייער לידער־קראַנץ

— פאַר שלמה שוואַרץ

שניי, רעגן, ווינט
האָבן מײַן פּנים געגלעט,
אויף די ליפּן האָט געבליט
אַ תּפילהדיק געבעט:
ניט עקבערן זאָל הונגער
מײַנע צוקנדיקע גלידער.
צערטלען זאָלן דורך װוּנדער
די תּפילהדיקע לידער.

אויף יאַרידן טוען לידער
באַשײַנען סוחרים — טומלער;
האַנדל איז אין שפּליטער —
צעטענצלט זיך אַ קרומער.
דער יאַריד איז אין פלאַקער;
טראָגן אָקסן מאַרק אויף הערנער.
דער הענדלער און מנקר
שטעבן זיך דורך דערנער.

גייען מיר און גייען.
מיר ווערן קיינמאָל ניט מיד.
דורך רעגן און דורך שנייען
מיר זינגען אונדזער ליד.
אין צוקנדיקן הונגער
איינער פון בעטלער זיבן,
דורך תּפילה און דורך װוּנדער
מיר האָבן זיך דאָ פאַרקליבן:

אין הייל פון ליכט און שטערן
וואָס בלינדער האָט דערזען,
אויסטיילן צווישן גאָטס קרן
דאָס ליכט וואָס ער ט׳דערזען — — —
זענען מיר בעטלער־זינגער
פון גרויסע יאַרידן פאַרטריבן,
צערטלען מיר ברידער־זינגער
און היטן וואָס מיר׳ן פאַרשריבן.
גייען מיר און גייען,
מיר ווערן קיינמאָל ניט מיד:
דורך רעגן און דורך שנייען
מיר היטן אונדזער ליד.

פולע טאָרבעס אונדזער פאַרמעגן,
שטעקנס געשניצט פון פימסן־האָלץ
חלומות כוואַליען אַריבער די ברעגן,
אונדזערע כּתבים טראָגן מיר שטאָלץ.

גייען אונדז אויס די קרעפטן,
שוועבט אונדזער חלום אַליין — — —
ווּנדער טוט העפטן און העפטן,
ווּנדער דורך ווּנדער אַליין.
קומען אַז בעטלער מיט נײַע קרעפטן
אַנטקעגן בעטלער אין כּישוף־טאַנץ;
הענט טוען זיך פלעכטן און פלעכטן
און שפּינען דעם לידער־קראַנץ — — —

## יצירה

מײַן טיש באַלאָדן
מיט זשורנאַלן פון מרחקים,
לידער לויכטן אַרויס
ווי קערלעך פון אַ מילגרוים.
דורשטיק פאַל איך צו
טרינק ווי כּרמל־ווײַן
פון פלאַש אַרויס,
באָד זיך אין יצירה.

ניט ווייניק זאָרג —
פרייד איז אויך דאָ.
נעם איך נאָך אַ זופּ,
מײַן בעסט געטראַנק איז ליד.
מיש איך בלעטער אין זשורנאַלן,
שיקאַגאָ־דיכטער פלאַטערט
מיטן ריטעם פון מישיגען־ווינט,
ווערן מרחקים אַפּגעווישט.

# דער בעל־שם

איז געגאַנגען
דער בעל־שם
אויף גרינער לאָנע
פאַרבײַ
אַ זילבער טײַכל,
דאָס טײַכל וויגט
דאָס בלויע
פון הימל,
ווײַסע פוך־וואָלקנס
ציִען אין מרחקים.

הערט דער בעל־שם
פייגעלער זינגען
צום אויפגיין פון טאָג,
זינגט דער בעל־שם
צום בורא עולם,
פאַרן ליכט פון טאָג,
פאַרן חלום פון דער נאַכט,
פאַרן ווינט וואָס טרײַבט
וואָלקנס אין מרחקים.

## דער משורר

„ווען איך וועל טויט זײַן הייב מיך אויף.“
משה לייב האַלפּערן

גענאַנגען
איז דער משורר
אויף יידיש־עוועניו,
אין פרינצלעכן טראַכט
זײַן האַרץ געטובלט:
אין יושר,
אין חלום,
אין גאולה.

זײַן הערלער געזאַנג
צו גינגילי —
זײַן אומרו,
וואָס ליכטיקט דעם וועג
צום שוימיקן ים,
געקושט די זאַמדן
פאַרן טראָט פון זרחי —
זײַן חלום,
פון אייביק
אייביקע טעג...

## זיבן פֿאַרבן

אין דער וועלט זענען פֿאַראַן זיבן פֿאַרבן,
ווײל דער מענטש — די וועלט זאָל אַרבן
די שיינקייט, וואָס בליט אין פֿאַרביקן חלום,
די שיינקייט, וואָס איז דער אייביקער חלום — — —
איז דער מענטש איבער דער וועלט געגאַנגען;
אימעצער האָט שוין דעם אמת געפֿאַנגען;
האָט ער זיך פֿאַרנומען אויף אַ זײַטיקן וועג.
אַ בעטלער באַגעגנט, געטאָן אים אַ פֿרעג:
— זאָג מיר, דו אַלטער, זאָג מיר, איך פֿרעג,
ווו איז דער רעגנבויגן זינט גאָטס קין־טעג?

דער בעטלער ט'געענטפֿערט, דורך אויגן אין צער,
און דערציילט דעם מענטשן פֿון ביטערן גזר:
— זינט קין האָט קעגן הבלען אַ שטיין געהויבן
קלאָגן ביז הײַנט די ערד און די שטויבן — — —
פֿרעגט אים דער מענטש פֿון גזר דעם באַשייד:
— העלף מיר, אַלטינקער, מיט דײַנע קלוגע רייד.
— קלאָג נישט, מײַן זון, איין פֿאַרב איז שוין דאָ,
צו געפֿינען נאָך זעקס וועט קומען די שעה.

איז געקומען דער מענטש מיטן בעטלער בײַנאַנד,
און געזען דעם חסד פֿון גאָטס גנעדיקער האַנט:
בן־אָדם בויט, ער טוט פֿלאַנצן און זייען,
קינדערלעך לערנען, אין שולן זיי גייען,
מיט ליבשאַפֿט און חכמה שטראַלן זייערע אויגן,
דאָס זענען נאָך פֿאַרבן פֿונעם רעגנבויגן — — —

מיט שגעון איז געצונדן דעם קראַנקנס אויגן,
דער הקדש הענגט אויס פון רעטונג אַ בויגן.
אין וויי־געשריי פאַלט צו אַ מענטש אויף אַ שוועל,
טרייסט און גנאָד, — איז אַ פאַרב וואָס העלט.

אָדם האָט געוויינט, ווען ער איז פון גן־עדן אַרויס,
האָט אים חוה געטרייסט: „ס׳וועלן פאַרביקע זונען אַרויס.״
משה האָט פאַר זײַן טויט געקושט גאָטס זוים,
און גאָט האָט געזאָגט: „די גאַנצע וועלט איז דײַן היים.״
זענען אַלע געקומען אויף ציון דעם באַרג,
איז געקומען דער אַלטער מיטן זאַק אויף זײַן קאַרק;
און אויפגעבונדן די זיבן געפונענע פאַרבן, —
פאַרן מענטשן אויף אייביק די שיינקייט צו אַרבן.
דער אַלטער האָט געשטראַלט מיט זײַן ווײַסן געזיכט,
אויפגעלויכטן איבער וועלט האָט דאָס סיני־ליכט, —
שטראַלנדיק האָט ער זיך אין די הויכן געטראָגן
און ז׳אַוועק אין די הימלען אויף זײַן פײַער־וואָגן — — —

## שקיעה

געגאַנגען איז עמילי דיקינסאָן
אין יענעם פֿאַרנאַכט
אונטער אויסגיין פֿון
זוניקן טאָג —
באַקרוינט אין שיינקייטן
פֿון אָרעאָל.
ווּונדער
מיסטעריע ;
דער האָריזאָנט
געפֿלאַקערט
אין יענער שקיעה־שעה
די זון געגאָסן
לויטערן ווײַן
מענטש אין תּפֿילה : —
די מתּנה
פֿון זײַן...

## אויף אַ קונסט־אויסשטעלונג

די זאַלן לויכטן מיט געמעלן,
פאַרבן, בלומען, גן־עדן־דופטן;
פירן מיך פון בילד צו בילד,
צינדן חושים, רופן, רופן.

רענואַרס פרויען מיט פרישע פּנימער,
זײַן קינדער־קעפּל מיט גרויסע אויגן,
זײַד די הויט פון קינדס פּנימל.
גאָטס טוי לויכט אין זײַנע גרויסע אויגן.

לויטערט אונטערן בלויען הימל
וואַנגאָגס צײַטיק קאָרנפעלד;
זאַנגען וויגן זיך אונטערן ווינט,
גאָלד פון דער זון קוועלט — — —

גאָיאָס דאָנקיכאָט
צעלאָזט זײַנע ווינטמילן באַלד,
שפּאַן איך אַ דערהויבענע
אין סעזאַנס ביימער־וואַלד.

אין דײַן ביימער־וואַלד, סעזאַן,
האָב איך מײַן עלנט דערזען,
געגאַנגען פון בוים צו בוים,
דאָס איז אין אַ פרילינג־טאָג געווען.

די סאַמעט־גראָזן אונטער מײַנע מידע פיס
געשאָנקען האָבן מיר שװעבנדיקע פליגל;
מיט אײפער בין איך געפלויגן
פון בוים צו בוים, און היגל.

יעדן שטאָם כ'האָב געגלעט,
יעדן שטאָם כ'האָב אַרומגענומען
װי אַן אמת־גוטן פרײַנט,
װאָס איז צו מײַן שװעל ניט געקומען.

אין דײַן גרינעם ביימער־װאַלד
געלעגן איז אַ ריזן־שטײן
גערעדט שװײַגנדיק צו מיר,
װי איך רעד אָפט צו זיך אַלײן.

## אויף ווײַסע מאַרבל־טרעפּ

מײַן גלויבן ווײַסער איז פון שניי
הינטער זיך געלאָזן פּראָסטיקן וועג.
אויף טרעפּ צווישן מאַיעסטעטישע לייבן צוויי
געשפּאַנט אַרויף, אַרויף צום היכל,
אין גײַסט פון ש״ע׳ס לויטערן שמייכל.
ביכער קוקן אַראָפּ מיט חכמה פון צײַטן
פינגער דערוואָרעמט, אין ציטער ווי אַמאָל
טויכן אויף טעג — ליכטיקער קרישטאָל.

אין ביבליאָטעק, בײַם לאַנגען דעמבענעם טיש,
פּלאַטערן בלעטער. מען מישט, מען זוכט.
אַן עלטערע פרוי, דער זילבער־קאָפּ פאַרקלערט,
אין דמיון שווימען אויף פאַרלוירענע טעג —
אַנטקעגן אַ שוואַרץ חנעוודיק מיידל זוכט באַשייד,
מאָטל פּייסיס „קוואַס־האַנדל״ פּיבערן אירע פינגער,
שטיפט ליכטיקער יתום, דער פריילעכער זינגער.

מאָטלס ברודער, עליע, האַנדלט מיט פעסער טינט,
צו באַשרײַבן די וועלט אין גרויס האַנדל־וואַנדל,
כּתרילעווקער ייִדן שמײַען אין זייער האַנדל־וואַנדל;
יעהופּיץ דאַרף קוואַס, יעהופּיץ דאַרף פעסער טינט!
זאָרגן ייִדן־סוחרים אין זייער שווערן האַנדל־געמיט,
יאָגן, יאָגן, איבעריאָגן פאַרשײַטן ווינט!

אויף ווײַסע מאַרבל־טרעפּ שפּאַן איך שוין יאָרן,
מאַיעסטעטישע לייבן צוויי באַשײַנען דעם וועג.
אין דמיון טויכן אויף פאַרלוירענע טעג —
דאָס בלומען־פעלד דורכגעשטאָכן פון דאָרן.
בײַם דעמבענעם טיש זיצט ניט די עלטערע פרוי,
דער קאָפּ פון שוואַרץ־חנעוודיק מיידל בליט שוין גרוי.

## אין פּאָו׳ס קאַטעדזש

שטיל איז אין חדר
ליידיק די שטול,
ווינקלען אין חדר
מיט דײַן גײַסט איז פול.

איבערן טיש געבויגן,
געפּערלט דאָס וואָרט —
דײַן ליד דאָ געשפּונען
אין דמיון געקלאָרט.

אין חדר דער ראָב
שוועבט: „נעווער מאָר״ —
אייביק דײַן וואָרט,
כּישופט אין יעדן דור.

דער קאַטעדזש איז זויבער,
בלענד־ווײַס די ווענט,
אין שאַנק דײַנע ביכער —
קאַמין אויסגעברענט.

אין תּפילה באַנומען:
אַנאַ־בעל־ליס קלאַנג,
אָפּגעשאָטן מיט שטערן
דײַן געטלעך געזאַנג.

## דו און איך

ערגעץ אין די ספערן
טראָגן זיך די רייד
פון אונדזערע אָוונט־שמועסן,
איבער שטילע הימלען געבליט האָבן שטערן.
אונדזערע שפּאַצירן נאָך די אָוונט־קלאַסן,
ווו מיר האָבן אײַנגעביסן
דאָס לשון פון לאַנד —
וואָלט וויטמאַן, עמערסאָן און פּאָו.
באַגלייט האָבן פינקלענדיקע שטערן
צוויי טעכטער אין זייער חלום.

אין שטילקייט פון דער נאַכט
דערטראָגן האָט זיך אַ געזאַנג:
„ביוטיפול אַנאַ־בעל־לי
מעידען בײַ די סי." *
געענטפערט האָט דײַן צאַרטע שטים:
„ניט בײַטאָג און ניט בײַנאַכט —
גיי איך מיר אַרויס באַזאַכט;" **
אויסגעמישט ניגונים
ערגעץ אויף מאַנהעטן־באָדן
דערפרייט האָבן אומעט אין דער נאַכט —

דו ביסט אַוועק:
איך שפּאַציר אויף אומעט־עוועניו;
שטערן פינקלען ווי דאַן,
ווען דו און איך געשמועסט האָבן
אונטער שמייכלענדיקן מילך־וועג,
אונטערן אַרעאַל פון לײַכטנדיקע שטערן.

---

* שורות פון פּאָוס אַ ליד.
** שורות פון ביאַליקס אַ ליד.

# דער קעניג פון געפליגל

— פּאַר בלומע לעמפּעל

דער קעניג פון געפליגל
געפלויגן, געפלויגן,
פון באַרג עווערעסט
הויך
הויך
אונטער בלויען קופּאָל.
אין טיפן בלענד דער הימל
אַנטקעגן בלומעס:
קוויטל —
מיט איר הערלעכן ווונדער.

דער אָדלער אין פלאַטער,
מיט ריזן־פליגל געשניטן
אַזור בלויען חלל —
געפרייט האָט זיך דאָס האַרץ
פון דער גין גינערישער
בלומע —
וואָס
זײַט
זײַט
זײַט
אין אייביק ייִדישן
גאָרטן.

## סימפאָניע אין בראַנדז

אין ווײַסן גן־עדן־זאַל
כּלי־זמר שטייען אויסגעסדרט
פון דער מוזעס האַנט.

הערט מען דעם געזאַנג־מייסטער דוד
שפּילן אויף דער האַרף
זײַן געזאַנג צום בורא עולם,
זײַן ניגון זינגען דורות פון זײַן פאָלק,
זײַן ניגון זינגען וועט די וועלט לעולם ועד.

שפּילנדיק אויפן טאַמבורין
טאַנצט אַרײַן מרים,
אַנטקעגן דבורה הנביאה —
זינגענדיק איר ליד צום זיג.

בײַם טשעלאָ זיצט פּאַבלאָ קאַזאַלס,
מיטן בויגן איבערן האַרץ פון טשעלאָ —
כּישופט דער מײַסטער שפּאַניעס חלום...

אויפן האָרן שאַלט דער העראָלד,
רופט די בני־אדם:
ניט פאַרשלאָפן די געגאַרטע שעה,
ניט פאַרשפּעטיקן טריט פון גאולה.

שפּילט אויפֿן פֿידל מײַעסטראָ קרײַזלער,
בּישופֿט דעם הערלעכן ניגון:
שומאַנס טרוימערײַ.
די פֿלייט צערטלט נימפֿן־טאַנץ פֿון ים אַרויס,
מוזעס אינספּירירן שיינקייטן:
דערפֿרייען מרה־שחורהדיקע װעלט.

אויף דער לירע שפּילט סאָפֿאָקלעס,
טרייסט פּאַראומערטע אין זײַן לאַנד,
נאָך דער טראַגעדיע
פֿון קיניג עדיפּוס און זײַן מוטער,
אין פּלאַנטער פֿון די געטער...
די אַבאַ שפּילט אין קרישטאָל קלאָרן טאָן,
בעטהאָװנס עראָיִקאַ — — —

אויפֿן אַקסל פֿון דער פּיאַנאָ
שטייט דער מײַסטער־סקולפּטאָר
**אַרמאַן**
זײַן הערלעכן ניגון זינגט ער
דורך פֿײַער און בראַנדז, —
דורך געבענטשטן דמיון.

# די גאַזעל

— פאַר בערטאַ זינגערמאַן

איבער דער בינע טראָגט זיך ליל,
גראַציעז און שלאַנק ווי אַ גאַזעל;
אויגן קלאָר, און וואַך איז ליל
צו שטערן ליכטיקע און העל.

ליל האָט באַלאַדן געלייענט —
אויסגעפערלט אַ הערלער געשאַנק;
אין שיינקייטן זיבן־מאָל־געשלייערט;
אויסגעכּישופט אַ געטלער געזאַנג.

---

געניאַלע אויסטייַטשערין פון ייִדישן ליד.

## בעטלער

גייט אַ בעטלער מיט זײַן לירע,
גייט זײַן בלינדע ווײַב בײַם זײַט,
צימבלט ער אַ בעטלער־ניגון,
צימבלט, צימבלט און ער שווײַגט;
צימבלט ער אַ בעטלער־ניגון,
צימבלט, צימבלט און ער שווײַגט.

גייט אַ מאָלער מיט זײַן פּענדזל,
צייכנט, צייכנט און ער שווײַגט,
בעטלט אויס אין גאַס אַ טעמע,
בעטלט, בעטלט און ער שווײַגט;
בעטלט אויס אין גאַס אַ טעמע,
בעטלט, בעטלט און ער שווײַגט.

אײַלט אַ סוחר אין זײַן יאָגן,
יאָגט ער, יאָגט אַריבער צײַט
אײַנצושלינגען גאַנצן האַנדל
אי פון נאָענט, אי פון ווײַט.
אײַנצושלינגען גאַנצן האַנדל
אי פון נאָענט, אי פון ווײַט.

גייט אַ דיכטער נאָך די בעטלער,
פלעכט זיי אַלעמען אין גראַם;
בעטלער, מאָלער און אויך סוחר,
נאָך דרײַ טראָפּנס אין זײַן ים —
בעטלער, מאָלער און אויך סוחר,
נאָך דרײַ טראָפּנס אין זײַן ים — — —

# דער מולד

— לזכר שמעון דזשיגאַן

דער מולד איז הײַנט אויפגעגאַנגען
שאַרף, האַרנדיק, אַ נאָגל פון גאָטס פינגער,
אַ צייכן: מאָרגן וועט זײַן אַ טאָג אין טרויער —
דער מײַסטער פון ייִדיש־הומאָר איז אויסגעלאָשן.

מיטן האַנט טוט גאָט גלעטן שמעונס שטערן
בײַ זײַן אָנקומען אין דער גוטער וועלט;
זײַנע טרוקענע ליפּן באַנעצט גאָט מיט יין המשומר
פאַר זײַן דערפרייען ייִדן אין זייער גרויסן צער.

אין גן־עדן נעמט גאָט שמעונען צו מתיחד־זײַן־זיך
מיט זעקס מיליאָן קדושים פון אונדזער דריטן חורבן,
די אַש־פאַרברענטע ייִדן — גאָטס גרויסער טעות —
שמעונס ליכטיקער הומאָר: טוט טרייסטן גאָט אַליין.

## שלאַנק ווי אַ גאַזעל

— לזכר פייגל טישקאָוו־ראָלניק

אויפן יום־טוב פון וואָרט
האָב איך זי געטראָפן,
שלאַנק ווי אַ גאַזעל, שיין
ווי אין לידער־סטראָפן.

איר ליבשאַפט צום וואָרט
דורך אַלע חושים געהיט,
איבער אוצרות זי וואַכט
אין תּפילהדיקע טריט.

דורך שטילע מעת־לעתן,
אונטערן פיבער פון וואָרט,
זי שפּירט דעם װוּנדער —
דעם נס וואָס קלאָרט.

די ייִדישע ליטעראַטור —
אַ גרין צעבליטער וואַלד.
דער אייביקער פאַסטעך
אויף זײַן פײַפל שאַלט.

די ביימער רײַפן בשמים,
דערקוויקן דאָס געמיט:
עס זינגען די משוררים,
גאָט די שלימות היט.

שלאַנק ווי אַ גאַזעל, שיין
ווי אין לידער־סטראָפען;
אויפן יום־טוב פון וואָרט
האָב איך זי געטראָפן.

# שטיל

יוסף און פייגל ראַלניק לזכר —

**א**

שטיל ווי אַ לאַמעדוואָווניק גייט ער זײַן וועג.
באַגעגענען אים, ווערן ליכטיקער די טעג.

טראָגט ער אין זײַן האַרצן אַ געזאַנג,
ס׳איז תּפֿילהדיק און ריין זײַן גאַנג.

מיט יומטובדיקע ייִדן אָטעמט זײַן ליד
אויפֿן באָדן פֿון מיל געקייטלט זײַנע טריט.

ייִדן האָרעווען און דינען דעם בורא עולם
אין זײַן געזאַנג וועלן ייִדן לעבן לעולם.

פֿון זשוכאָוויצער באָדן ווי סאָסנע־ביימער צעבליט
פֿאַרטראָגן האָט ער אָהער זײַנע בענקענדיקע טריט.

איך זע אים אין גאַנג, — אַקסלען געבויגן,
זײַן ברוינער שטעקן מיטן אָדלער־קאָפּ צעפֿלויגן.

אין זײַן היים, געוואָרעמט צווישן ספֿרים־ווענט,
געזויבערטע ווינקלען דורך זײַן גאַזעלס הענט.

ב

זי שפּאַנט אַרום די גרינע בייטן,
שטיל, הכנעהדיק ווי אַ טויב, —
פון בלעטער ווישט זי אָפּ דעם שטויב,

יעט אויס דאָס ווילד־גראָז אויף די בייטן:
זי קוקט אַריבער דעם הויכן פּלויט
איבערן וועג שפּילט איינער אויף אַ פלייט:

צעשמייכלען זיך די פלאַנצן און די קווייטן,
וואָגלער קומען דורשטיקע צום קוואַל
און טרינקען שיינקייטן פון לידער־שאַל.

הכנעהדיק שפּאַנט זי אַרום די בייטן.

## לייענענדיק „יוגנט־יאָרן" פון י. י. שוואַרץ, ז"ל

דאָס שטיפעריש יִינגל אויף דער לאַנגע פאַרשמײַעט
רופט פאָטער אַרויס פון זײַן צעפלאַקערטער שפּיל: —
וואַרף אַוועק דײַנע וואָכעדיקע שטיפערײַען,
קום זון צום רבין הערן תורה מיט געפיל.

פאָטער און זון געשפּאַנט האָבן דורך קאַוונער וואַלד,
פלאַטערלעך און שוואַלבן זענען אין חלל געפלויגן,
דער פאָטער געאײַלט האָט אין זײַן טראָט צום רבין,
דער זון געזעטיקט האָט מיט שיינקייט זײַנע אויגן.
דורך סודותדיק — געדיכטן וואַלד דעם אַלטן,
צום רבין פירט אַן אויסגעטראָטן וועג גלײַך.
צווישן הויך־געוואַקסן דעמבע־ביימער און דיקן מאָך
געצויגן האָט זיך אַ לאַנגער וועג פאַרבײַ ניעמאַן־טײַך.
ווי אַ הדס געלויכטן האָט דעם רבינס שטוב אויף אַ באַרג.
באַגעגענען זײַנע געסט דער רבי איז אַרויסגעקומען —
זיין הדרת־פּנים האָט געשטראַלט ליבלעך צו די אײַלנדיקע גייער,
— „שלום עליכם, טײַערע ייִדן" — האָט דער רבי זיי אויפגענומען,
אויפן טיש געבערגלט האָבן זיך ספרים. ספרים אויף ספרים.
דער רבי געבלעטערט האָט ספרים מיט זײַנע בלייכע סאַמעט־הענט,
איין ספר נאָכן צווייטן און מיטן גאַסט אַ וויכּוח געפירט,
שיינקייט פון רבינס רייד האָבן געליכטיקט, געבלענדט.

דאָס ייִנגל האָט זײַן שטאַלטנעם טאַטן ניט דערקענט:
די שוואַרצע באָרד האָט געפלאַטערט אין וויכּוח מיטן רבין.
איין פּסוק נאָכן צווייטן אויסגעזונגען האָט דער פאָטער —
ביידנס הענט אין דער לופטן געטאָן האָבן שוועבן, שוועבן.
פאָטער און זון זיינען דורכן וואַלד צוריק פון רבין געגאַנגען,
דאָס ייִנגל פאַרחידושט געטאָן האָט דעם פאָטער נײַגעריק פרעגן:
טאַטע, וואָס איז דער טײַטש פון רבינס וואָרט — מחבר־זײַן?
— כ'בעט בײַם בורא־עולם, דו מײַן זון, זאָלסט גיין אויף יענע וועגן.

## בלעטער

— צו מאַני לייבס 30סטן יאָרצייט

בלעטער האַרבסטיקע פלאַטערן צום טויט,
מיט גאָלד זיי פלאַקערן שאַרלעך רויט.

דער ווינט יאָגט אַן אַ טרויער־ניגון,
די זון בלענדט אין רוישיקן וויגן.

מעוועס צענעמען זייערע גרויע פליגל,
בײַכער נידערן צום טאָל, צום היגל.

בערגלעך ערד — אָפענע ווונדן —
לעבן מיט טויט גורלדיק געבונדן.

אויף יענער זײַט שטילקייט אַוועק
איז דער זינגער אויף אונדזער ברעג,

זײַן ליכטיק געזאַנג איז געבליבן, —
בלעטער, בלעטער ניט דערשריבן.

## זײַן ניגון

מיטן ייִנגסטן באַגינען
האָט זיך דער דיכטער געפּעדערט,
געקליבן לידער, געסדרט,
אַ ניגון געטאָן האָט זיך שפּינען

אין האַרצן פון דיכטער,
געזונגען האָבן ווינקלען די פיר,
דאָס בײַשטידל, די צעפּראַלטע טיר
האָבן שירה געזונגען צום דיכטער.

פון יענער זײַט טיר דער צעפּראַלטער,
איז דער דיכטער געגאַנגען זײַן וועג
דורך צער צו אַ לויטערן ברעג,
אַנטקעגן אַ וועלט אַ צעשטראַלטער.

## יִידישע דיכטערינס

אַזוי פיל מאָל געשפּאַנט
איבער פעלדער פון אײַער חלום,
געקרייצט דורך באַרג, דורך טאָל,
מיט אײַך געשוועבט אין הימלישן חלל.

אין טעם פאַרזוכט פרייד, צער,
די לויטערע מינוט פון שירה
וואָס באַשווערט היטער פון געזאַנג —
געוואַכט, דורך אײַער ליכטיקער יצירה.

דורך תחינות, דורך תּפילות,
אין מײַן עלנט זיך דערהויבן —
געזעטיקט מײַן וועלפּישן הונגער
מיט שירים, מיט גלויבן.

געאָטעמט מיט געזאַנגען —
געפלאָטערט מיט יום־יום, מיט תּפילות
שׂרה בת־טובים... במתּנה געבראַכט
פולע הויפנס גוטסקייטן ברגילות.

✶

„דער באָבעס אוצר“ טוט לכּבוד שבת,
די וואָכעדיקע וועלט דערפרייען —
ווישט אָפּ דאָס גרויע פון די טעג.

„פריידקע“ קומט פון דער זאַטער וועלט
מיט פולן קויש הונגער. נויט —
מאָנט די זינגערין: זון, ליכט, ברויט!

„האַרבסטיקע סקווערן” לויטערט די זינגערין,
מיט איר הערלעך וואָרט:
— ס'איז האַרבסטיק אויף אונדזער סקווער — — — —

„צעשאָטענע קרעלן” איבער שטח, איבער צײַט,
קרעל־נאָך־קרעל יאָגט: ווײַטער, ווײַטער, ווײַטער,
ניט איבערגעיאָגט אייגן שאָטן האָט מענטש — — —

## מעוועס

ווי עגונות טראָגן זיך מעוועס
נאָך פראַכט־געלאָדענע באַרזשעס;

מיט גרויע פליגל צענומען,
פליִען זיי אין שוויַיגן באַנומען.

אין עלנט זיי יאָגן נאָך שיפן,
כאַפּן פרייד פון ימיקע טיפן — — —

אַ ברעקל, אַ זערנע — זיך קוויקן,
הונגער און ווייטיק דערשטיקן.

שפּילט דער ים אין רחבות צעגאָסן;
פון קדמונים זענען ווען געפלאָסן

צו ברעגן, וואָס ליגן פאַרטראַכטע, —
דערפרייען דורשטיקע זעמדער פאַרשמאַכטע.

וויַיסע שוימען אין שלייערן צעפאַלן,
פערל־שפּריצן אין ציטער צעפאַלן.

שוועבן מעוועס אין טשאַטעס צעפלויגן,
איבער צעשפּילטן ים — דער רעגנבויגן.

## פֿאַרנאַכט

פֿאַרנאַכט אין מײַן לעבן
אויפֿגעשווומען —
אַזוי געאײַלט, אַזוי געאײַלט,
כ׳בין נאָך מיט מײַן טאָג ניט פֿאַרטיק.
וואָלקנס יאָגן איבערן הימל,
צווישן דונער־קנאַלן,
צווישן שלאָקס־רעגן
ווערט מײַן טאָג פֿאַרצערט,
מײַן פֿעדער לייג איך ניט אין שיידל.
שפּאַן איך אויפֿן שליאַך פֿון שײנקייט,
דער וועג פֿירט צום עמוד פֿון יצירה.
דער וועג פֿירט צום בלומען־גאָרטן,
ווו פֿייגל זינגען:
דער באַבאָלינק —
עמילי דיקינסאָנס ליבלינג,
מיר איז ליב דער נאַכטיגאַל.

## בערטאַ זונטערס חלום

ביכער לאָקן מיך —
פון ביכער־שאַנק אַרויס.
רוקנס ווי מענטשן־פּנימער וואַרעמען —
ריר איך אָן טאָוולען מיט גיריקע פינגער.

זייערע געזאַנגען
פאַרטרײַבן מײַן זאָרג, מײַן פּײַן:
חכמה, גוטסקייט, **אמת**.
בערטאַ זונטערס, „נידער מיט די וואָפן״.
„מאַרטאַס קינדער״ — אין אַלע אמתן
פון איר הערלעכן רוף: —

הערט אויף מלחמות האַלטן
צו דערראַבערן טײַכן מיט טויטע פיש;
שלײַדערט אײַער בלײַ־זין!
שמעלצט אויס אײַערע מעדאַלן
אויף שפּילצײַג פאַר קינדערלעך
— אין שפּיל —

באַנעמט דעם זאָג פון אַלטן חכם **קהלת**;
„װוּנדער ווי עס ווערן ביינער אין מוטער־טראַכט,
הערט זיך איין צו געזאַנגען פון מאַמעס
אין זייערע אייביקע וויגלידער״.

---

עסטרייכישע באַראָנעסע.

## שניי־פליטערלער

שניי־פליטערלער אין ווײַסן פולווער
הילן אײַן מאַנהעטן־שטאָט —
שטורעם־ווינט טראָגט זיך אַ דולער,
פלאַטער צעפליקט טראָט נאָך טראָט,
פאַרשנייטע געזימסן אויף ריזיקע בנינים:
שמייכלען זיידעס דורך ווײַסע ברעמען,
ציט זיך אַ ניגון פון געהיימע תּהומען
דערציילט אַן אויסטערלישע מעשׂה:

געשפּרייט האָבן הימלען ווײַסן חלום
פליטערלער אין שנייען־טאַנץ,
קושן און האַלדזן עמפּײַער־טורעם
אין ווירבל־ווינט טאַנצן —
שטאָטישע שניי־פּרינצעסינס,
צירן זיך אין פולווער־האָפּנס ווײַסע.
פלאַטערן אין שטורעם־ווינט שלײַערן,
פאַרשײַטע וויוגעס פאַרנאַרן
שניי־פּרינצעסינס אין ווינטערלאַנד
פון עלנטן שניי־פּרינץ —
זיי דערפרייען דעם פּרינץ אין זײַן אומעט;
וויקלען זיך טעג אין לופטיקע שיינקייטן —
מיט ליד, מיט געזאַנג, מיט ווײַן...
ביז פרילינג צעגרינט סוף פון דער מעשׂה.

## מאַנהעטן

ביַינאַכט
פאַרוואַנדלט ווערט מאַנהעטן
אין אַ גילדענעם בינשטאָק,
פון שויבן לויכטן שטערן
גילדענע לאַמען —
אין אומעט שווימט די לבנה
אין גרויע וואָלקנס אַריַין.

בינשטאָק, בינשטאָק,
ווו איז דיַין האָניק,
צו פאַרווישן ביטערניש
אויף אונדזער וועלט?

אין ווונדער שפּאַן איך אויפן אַספאַלט,
וואָס גאַריבאַלדיס „פּיַיזאַנאָס" *
אויסגעפלאַסטערט האָבן,
בוי־מיַיסטערס אין זייער גבורה
אויסגעהאַמערט ריזיקע בנינים;
— וואָלקנקראַצערס —
זינגט קאַרל סאַנדבורג
אין זיַינע ווונדער מעשׂיות:
— וואָלקנשפּיצן נייגן קאָפּ־צו־קאָפּ,
פון זייער ,ליבע' קומען אויף אויטאָס
וואָס יאָגן, יאָגן, יאָגן,
אויף שפּיגל גלאַטע וועגן
אויסגעצויגן איבער שטעט
אויסגעצויגן איבער וועלט:
אין פאַרמעסט מיטן האָריזאָנט
אין פאַרמעסט מיט ציַיט —

---

* לאַנדסליַיט.

## ייִדיש

— בער באַראַכאָוון לזכרון

פינגער פלעכטן צעפּלער פון קינד,
פלאַטערן שלייפלעך אין פרילינג־ווינט.
מאַמעס טועזן זינגען דאָס ייִדיש ליד,
זינגט דאָס הויז מיט דער מאַמען מיט:

ייִדיש וועט לערנען דײַן ברודערל בערל,
זײַנע חברים פון גאַס, און אויך שמערל.
דער דיכטער זינגט זײַן ייִדיש ליד,
בײַם שרײַבן זינגען אַלע אותיות מיט.

מיט פרייד לויפט דאָס קינד אין שול,
דאָס האַרץ מיטן ייִדיש־ליד איז פול.
דער לערער טײַטשט דאָס וואָרט צום חידוש,
די שיינקייט פאַרשריבן אין פערלדיקן ייִדיש.

מעשׂיות דערציילט דער לערער שיין, קלאָר,
פונקט ווי די הערלעכע מעשׂה איז וואָר.
שׂרה בת טובים, די לעגענדאַרע פרוי,
דערפרייט מענטשן אין זייער לעבן גרוי:

„ניט זאָרגט, טײַערע ייִדן, די וועלט איז שיין,
אין גלויבן געשטאַרקט זענט איר ניט אַליין".
מאָטל פייסיס לאַכט פון הונגער, פון נויט,
פעלדער צײַטיקן זאַנגען — פאַר אַלעמען ברויט.

אַזוי שרײַבט דער ייִד מיטן געטלעכן שמייכל,
אין שיינעם ייִדישן אלף־בית — אונדזער היכל.

## וואָגלער

איינזאַמקייט קאָן זײַן שווער
ווי דער גלאָבוס.
ער טראָגט טעותן פון מענטש
אויף זײַנע מידע אַקסל.
שפּאַנט וואָגלער
מיט זײַן פולער טאָרבע
באַרג אַרויף, באַרג אַרויף.
דורכגענומען פון זון און ווינט,
שמייכלען אַנטקעגן פעלדער בלִיענדיקע אין זעט;
ביימער וויגן צײַטיקע קרוינען,
בלעטער פּלאַפּלען זומער־גרין־לשון.
פרייט זיך וואָגלער:
„ניט עלנט בין איך אין צעזונגענער וועלט״.

## וויפל פרילינגס

וויפל פרילינגס כ׳האָב דײַן ווּנדער געזען
ווייס איך ניט, גאָט. כ׳קאָן הײַנט ניט ציילן.
מיר דוכט, ערשט נעכטן בין אַ קינד געווען,
הײַנט האָט מײַן געביין אַ סך צו דערציילן.

טו איך זיך אויס פון הויט און פון ביין,
כ׳פאַרקלייד זיך אין מײַן שענסטן שמייכל,
כאָטש הינטער מײַן שמייכל — אַ ים מיט געוויין,
כ׳וויל הײַנט ניט פאַרשעמען גאָט אין זײַן היכל.

כ׳פאַרנעם זיך דעם וועג צום שטאָטישן סאָד,
אין בליִונג דיביימער שמייכלען אַנטקעגן.
אין זכּרון וואַכט־אויף פאַרגעסענער גנאָד —
אין וואַלד אין **פּאָליעסער** שלענגלען זיך וועגן.

איין וועג פירט צום וואַלד מיט **סודות**...
איין וועג פירט פון **אוצרות** דעם וועכטער,
איין וועג פירט פון **גליק** דעם **עדות** —
איין וועג פירט צו מײַן פריידיק געלעכטער.

דאָ האָב איך שוואָמען און פּאַזיעמקעס געקליבן,
דאָ האָב איך גענאַשט וואַלד־עפּעלער גרינע,
אויף אַ דעמבענעם שטאָם מײַן נאָמען פאַרשריבן,
דאָ האָב איך געזען גאָט אין זײַן שכינה.

## קונסט

זינט מענטש האָט געמישט
פאַרבן מיט פאַרבן
האָט זיך פאַרמישט
סוד פון שטאַרבן.
בן־אדם
געקומען
אין חידוש
אין גאַפן
ווונדערער פאַרנומען
פּיַין פון שאַפן.
זילבן געקייטלט
ליים געקנאָטן —
מאָנומענטן געטורעמט
דורך פּיַין פון יצירה.

רוט גאָטס האַנט
אין וויַיסן אַלאַבאַסטער
מאָנאָ ליזאַ שמייכלט
איר אייביקן סוד — — —
אין נאַקעטער קאַלטקייט
זוכט ווענוס
איר אָפּבילד:
אין באָטיטשעליס
פּאַליטרע...

## אין וועג

ווײַס איז דער שליטן,
נאָך ווײַסער דאָס פערד;
אַ מענטש אין דער מיטן,
אויף סיבירער ערד.

אַ צי מיט די פּלייצעס,
די בײַטש אין דער לופט;
אַ הייב מיט די לייצעס — —
האָבן זיך שטערן געשופּט.

אויף פרײידיקער שעה
ער האָט זיך דערוואַרט;
ווײַסע זײַלן זיך ציִען
דורך טעג לאַנג געגאַרט.

טראָגט זיך דער אָגער
דעם שטורעם אַנטקעגן;
באַפרײַט איז דער יאָגער,
שנײַדט שליטן די וועגן.

ווײַס איז דער שליטן,
נאָך ווײַסער דאָס פערד;
אַ מענטש אין דער מיטן
צו אַ פרײַער ערד — — —

## פרימאָרגן אין סאַנאַטאָריע

דער דיל גלאַנצט ווי אַ שפּיגל
אויף טאַפּעטן־ווענט סודותדיקע וועלדער;
אויף איין בילד אַ פעלדזיקער היגל,
אויף איין בילד יאָגט אַ הונט איבער פעלדער.

קראַנקע פרויען זיצן פאַרשטומט אין שטולן,
קראַנקע ברומען אַ שטום געברום...
זיי זענען צעטיילט דורך טויזנט גבולן
זיי זענען פאַרשוועסטערט דורך גורל־תּהום.

איינע קוקט דורך פאַרחלשטע פינגער —
הענט איבער פּנים, ווי צום בענטשן ליכט,
שוין צום וויפלטן מאָל ציילט זי די פינגער,
פירט דעם שגעון צום אויסגעלאָשן געזיכט.

וואַנדאַ טאַנצט אַריַין אין זאַל מוטער־נאַקעט,
אירע קליידער אויפגעראַלט אין אַ קנויל:
„די ייִדישע געטאָ פלאַקערט, פלאַקערט!" —
שריַיט וואַנדאַ דורך איר אויסגעקרימט מויל.

איינע וואַלגערט זיך אויפן גלאַנציקן דיל —
פאַרגייט זיך אין אַ ווילד געלעכטער:
„מיַין שנורס געוויין הער איך אין דער שטיל,
כ'האָב פאַרבראַכן ווי לוטס טעכטער..."

די קראַנקן־שוועסטער האַלט די טיר אויפן ריגל,
אויף יענער זיַיט טיר בליִען סודותדיקע וועלדער, —
גורלדיקע לעבנס אונטער פיַיערדיקן זיגל...

## פרדס צעבליטער

אין פרדס פון מאַמע־לשון
שפּאַן איך —
איך שפּאַן מיט געזאַנג:
— רײַף איז דער פּרדס
פול איז דער שײַער;
פּרדס צעבליטער
איז הייליק,
איז טײַער.

איך פריי זיך —
וווּנדער איבער וווּנדער.
דער פונק צעפלייצט פײַער
פלאַמען פּאַרווישן פּײַן,
טראָגן יורשים
אויף אָדלער־פליגל
מײַן געזאַנג:
— רײַך איז דער פּרדס
פול איז דער שײַער;
פּרדס צעבליטער
איז הייליק,
איז טײַער.

שפּאַן איך צווישן ריזן־ביימער,
שפּאַן איך צווישן סאַפּלינגען —
ביימלעך יונגע דורכגעפלאָכטן
מיט זון־שטראַלן,
גענערט פון הימל־טוי
געקושט פון דער זון.

## ווײַסע דעכער

פֿאַר מײַן פֿענצטער ווײַסע דעכער
דערפֿרייען מײַן געמיט;
שטילקייט שוועבט, געטלעכע פֿעכער,
פֿאַר מײַן פֿענצטער ווײַסע דעכער.

הויך איך הייב אַ פֿולן בעכער
צום פֿרײַנט מיט ערלעכע טריט,
פֿאַר מײַן פֿענצטער ווײַסע דעכער
דערפֿרייען מײַן געמיט.

## טאָג

אין סאַמעטענעם טראַט
גייט אויף אַ טאָג אין שמייכלענדיקן צעטייל.
ליפּן פון יונגפרוי זאָגן אָן:
טאָג קומט אָן.
אויסשפּרייט פון בלויען הימל —
אַ טלית פאַר בני אדם,
צו דאַוונען,
צו חלומען,
צו בויען
פאַרן גאַנצן באַשאַף.
זון קושט אָפּ טויען
פוןביימער, בלומען, פלאַנצן,
ווינטן טרייבן זילבער־וואָלקנס
אויפן הימל —
אויסטערלישע בערג.

## ליד

אין ליד טאָרן זיך ווערטער
ניט גיסן ווי וואַסער
פון פאַס אָן אַ שפּונט.
צאַמען זאָלן זײַן.

דורך וואָג, דורך מאָס,
ציילן גאַנג פון שורות
און צולייגן האַרץ.

ליד דאַרף וואַקסן
ווי סאַפּלינג אין באָדן,
דורך וואָרצלען וואַקסט דער שטאַם,
צווײַגן, בלעטער,
בלױונג צייכנט קרוין
צום קײַלער פון הימל;
שטייט דער בוים אין פּראַכט
געוויגט פון ווינט, געקושט פון זון.

## שׂרה בת טובים

מיט יום־טוב פול איז דאָס הויז
יעדער ווינקל אַ תּפילה שווײַגט אויס.

די וועלט אָטעמט מיט געטלער געזאַנג,
דערפרייען טוט פון ערגעץ אַ קלאַנג.

אַ שטים פון דער טיף רופט אויס:
„טעכטער, פון ייִדישן הויז, קומט אַרויס.

ניט וואַרט ביז דער דאַך פלאַקערט אויף —
צו אײַך ליבע טעכטער איך רוף.

דאָס געשטאַלט וואָס איך שיק אַרויס, —
טראָגט מתּנות פאַר קליין און גרויס;

מתּנות געקליבן אויף גאָטס וועלט,
אויפלויכטן וועט אין אײַער געצעלט".

טראָגט דאָס געשטאַלט אין קוישל מתּנות
געשניצט אין שטערן, אין האַלבע לבנהס;

פישעלער, פייגל, אלף־בית אויף קובן,
ייִדיש וועלן קינדער ריידן אין אַלע שטובן.

מאַמעס וועלן זינגען לידער, און פריידן טיילן
קיכעלער, מאַנדל־ניס, און מעשׂהס דערציילן.

פלאַטערן וועלן בלעטער פון ביכער־שאַנק אַרויס,
פול וועט זיין מיט יום־טוב דאָס ייִדישע הויז.

און שׂרה בת טובים וועט טאָן און הערן,
פינקלען אין הימל וועלן גילדענע שטערן — — —

# עבודה

## באַלאַדע זשעליעזני

— איינעם שטאַרק צו מאַכן, מוזן
טויזנט שוואַכע שוואַכער ווערן.

**משה לייב האַלפּערן**

דער זשעליעזני שבט
געלאַנדעט אויפֿן אינדזל מאַנהעטן.
אָנגעהויבן זייערע ערשטע טריט
מיט אויגן פֿול וווּנדער, פֿול נייגיר,
אין צוגעזאָגטן וווּנדער־לאַנד.
צעפֿירט זייערע קרעפּטיקע הענט
אָפּצושאָפֿן נויט, חלום נאָך זעט;
דערפֿרייען טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער.

עלטערער ברודער טרייסט די משפּחה: —
יעדערער וועט אַרבעטן, פֿאַרנעמען זײַן פּאַך:
דער שמיד, דער שנײַדער, דער בעקער.
די שוועסטער צענעמען וועלן נאָדל־פֿאָדעם,
דער טאַטע זיצן וועט אין שול בײַם תּהילים,
די מאַמע וועט קאָכן, באַקן פֿאַר דער משפּחה,
מיר, די ברידער, וועלן אַרבעטן, אַרבעטן, אַרבעטן,
מיר — דער באַפֿרײַטער, דער באַנײַטער שבט.

מידע זענען אַהיימגעקומען פֿון דער אַרבעט:
דער שמיד, דער שנײַדער, דער בעקער;
די שוועסטער מיט טרוקענע ליפּן, בלייכע באַקן.
פֿאַרטראַכט האָט דער עלטערער ברודער אַ פּלאַן:
אַלע אײנאײנעם וועלן מיר אויסאַרבעטן קליידער.
דינגען אַ „לאָפט" — הערשל, בערל און שמערל
וועלן העלפֿן איינער דעם צווייטנס געניטקייט,
אין וווּנדער־לאַנד דערגרייכן וועט דער שבט.

געאַרבעט האָט דער שבט מיט אייפער, מיט מוט,
בערג קליידער און מאַנטלען צעשפּאַרן די ווענט.
פֿאַרטראַכט האָט דער עלטערער ברודער אַ נײַעם פּלאַן:
— ארויסצײַען פון „לאפט" — גיין אויפן ברייטן שליאַר;
אײַנשטעלן מאַשינעס, פיגורן, אַרבעטער פֿאַרלאַנגען,
פון שיפן ברענגען אַהער די גרינע אימיגראַנטן. —
דעם שאָפּ פון די „קלוגע" ברידער אײַנגעשטעלט
אין אַ פירמע: „זשעליעזני בראַדערס ענד קאָמפּאַני."

אין שאָפּ האָבן מאַשינעס גערודערט, גערוישט,
פֿאַרפלייצט מיט מאַנטלען מיט קליידער די מערק.
אַרבעטער זענען עלטער און דינער געוואָרן —
די „פּראָלעטאַרישע קלה" האָט זיך פֿאַרשפּרייט,
דער „גוטער" באַלעבאָס האָט פֿאַרזאָרגט די חולאים,
געזעלשאַפטן באַזונגען האָבן דעם „פילאַנטראָפּ",
זײַן גוט האַרץ, זײַן זאָרג פֿאַר קראַנקע אַרבעטער, —
באַזונגען האָבן זײַנע לאַנדסלײַט ווײַט און ברייט.

נאָך יעדן סעזאָן — פּראָפיטן באַשווערן די בענק,
וואָס טוט מען? — זאָרגט זיך דער עלטערער ברודער.
בענק עפענען זיך, שפּילן בירזשע און באַנקראָטירן.
מיר, די ברידער, וועלן בויען הײַזער, הײַזער סטאַבילע,
— געטראַכט און געטאָן!
אַ הויז שטייט אויף באָדן. דירה געלט צאָלט מען חודשלעך,
אָן מורא פֿאַר באַנקראָט, אָן מורא פֿאַר קראַך אויף בירזשע;
הײַזער, הײַזער, וועלן זשעליעזני-ברידער בויען, בויען.

אויפגעגאַנגען זענען הויכע, סטאַבילע בנינים אויף באָדן,
שטאָק אויף שטאָק, מיט גרויסע פענצטער צו דער זון...
דאָס ערשטע הויז געווען איז דעם עלטערן ברודערס חלום.
שכנים באַזעצט האָבן יעדע וווינונג ביזן דאַך,

דירה־געלט געצאָלט האָט מען צו דער באַשטימטער צײַט.
יעדער יאָר קומט אויף אַ נײַער, העכסט־מאָדערנער בנין.
ס'זענען אויפגעבויט געוואָרן פּרעכטיקע בנינים
דורך דער געניטקייט פון באַרימסטע אַמעריקאַנער אַרכיטעקטן.

אויסגעשפּילט האָט צײַט דעם חשבון: אַרבעטלאָזיקייט!
אויסגעליידיקט זענען די זשעליעזני גרויסע בנינים.
שטייען הייזער מיט אויסגעהאַקטע פענצטער, סקעליעטן,
ווי פּנימער אָן אויגן, וואָס שרעקן ווי דער טויט.
פאַרקויפן ברידער אייגענע פּאַלאַצן און צאָלן טעקסעס.
קריגן זיך ברידער, זיי טענהען צום עלטערן ברודער:
„דײַנע אַזאַרט־אונטערנעמונגען, דײַנע ווילדע פּאַרמעסטן,
דערפירט האָבן אונדז צום שוועל פון ביטערן באַנקראָט."

„דײַנע ווילדע פּלענער האָבן מיך צעטומלט!" —
שרייט בערל, איינער פון די יִינגערע ברידער;
דײַנע הײַזער האָבן אָפּגעווישט מײַן גלײַכגעוויכט!" —
טענהט נאָך איינער פון די ברידער, ער וויינט יאָמערלעך.
אַלע פון דער משפחה האָבן אים פאַרשטויסן, פאַרלאָזן.
חשבון־הנפש געצופּט האָט זײַן פאַרווונדעט האַרץ,
געגאַנגען אין שול, אויפן לאַנדסמאַנשאַפטן־בית־עולם.
ביי טאַטע־מאַמעס קברים געוויינט, בײַם ווײַבס קבר געוויינט,
געשפּאַנט פון מצבה צו מצבה. געלייענט נעמען אויף מצבות. —
יאָ, ער האָט אין מײַן שאָפּ געניייט, געהאָרעוועט.
דער האָט געפּרעסט, דורכגעווייקט געוואָרן אין טײַכן שווייס.
גאָט, גיב מיר רו כ'זאָל קאָנען טראָגן מײַן פּײַן, —
אויפן לאַנדסמאַנשאַפטן־בית־עולם ליגט זײַן פאַרמאַטערט שטעטל.
זיי האָבן געהאָרעוועט אין זײַן שאָפּ, געניייט, געפּרעסט, געהונגערט,
געגלייבט אין יושר, אין ברידערלעכער פרײַנטשאַפט...

צוריק פון בית־עולם, רו פאַר זײַן האַרץ ניט געפונען,
פאַרטראָגן האָבן אים זײַנע מידע פיס, זײַן שווער געמיט,
צום ערשטן הויז, וואָס די „קלוגע״ ברידער האָבן אויסגעבויט;
געקלעטערט אַרויף, אַרויף, אַרויף ביזן העכסטן שטאָק.
— דאָ איז אַזוי טונקל, אַלע פענצטער זענען אויסגעשלאָגן!
— ווּ איז דאָס ליכט? רוטי, רוטי שווימט אין גאָנדאָלאָ!...
דאָס האַרץ האָט זײַן מוראַדיקן פּלאָנטער ניט אויסגעהאַלטן:
ליגט ער אויפן לאַנדסמאַנשאַפטן־בית־עולם אין פרעמדע תכריכים.

## אַדע צו 1910

יונגע כּוחות פֿאַרמאָסטן האָבן זיך
שטירצן די וואַנט פֿון „סוועטשאָפּ" —
געשטראָמט האָבן מחנות צום טריבונאַל ווי אַ טײַך.
אין פֿאַרמעסט — גלײַך אויף גלײַך.

אויף דער טריבונע גערעדט האָבן פֿירער,
גערעדט האָבן בלײַכע אַרבעטער.
טויזנטער האָבן געהערט —
שעהען געצאַנקט האָט געמיט.

אַ בת־קול:
די ייִדישע „זשאַן ד'אַרק"
אויסגערופֿן האָט צום טריבונאַל: גענוג!
— לאָמיר הייבן די הענט און שווערן!
— פֿאַר מער זון, פֿאַר מער ליכט. — — —

אַ ציטער געטאָן האָבן די ווענט אונטער דער שבֿועה:
„מיר שווערן, מיר שווערן"
צוואַנציק טויזנט נאָדל־אַרבעטער אַרויסגעגאַנגען
זענען פֿון קופּער יוניאָן באַפֿרײַטע.

אויפֿגעברויזט מאַנהעטן־אינדזל פֿון האַנדל־וואַנדל.
צעטומלטע געזעץ־היטער אין בלויע מונדירן
רײַטנדיק אויף פֿערד
געצאַמט האָבן טראָט פֿון סטרייקערס:
מענטש קעגן מענטש מיט שׂנאה אין בליק.

געשפּאַנט האָבן אַרבעטער אין פֿעסטן טראָט
הין און קריק, הין און קריק.
אַ מידע מיידל אָנגעשפּאַרט האָט זיך אָן אַ וואַנט פֿון אַ בנין.
העי! — שרײַט־אויס אַ פּאָליציאַנט (אַ בלויע פֿלאַש),

— ניט אַנשפּאַרן זיך אין פרעמדער וואַנט!
— דער באַלעבאָס איז ניט געבוירן געוואָרן מיט דער וואַנט.
— פאַר אַזוינע רייד שיקט מען אַרויס פון לאַנד!
— יאָ, מען שיקט צוריק!

אַ שיף שווימט אויך אַפּ קיין אירלאַנד, —
האָט זי צעשטערט זײַן יענקי־בריק.
אַ שמײַס זײַן גלאַנציקן אַגער, יאָגט ער ווײַטער אויף יאָגד.

דער סטרייק האָט זיך פאַרצויגן,
די מאָראַל איז אַביסל געבראָכן.
זענען פירער געקומען, כּדי צו שטאַרקן זייער מוט.
באַראָף באַווײַזט זיך אויף אַ ווײַסן פערד;
סטרייקערס דערפרייען זיך מיט זײַן קומען.
— „טייערע ברידער" — רופט אויס באַראָף,
— „ווײַס איז אַ צייכן פון משיח, מיר וועלן זיגן!" —

דער שווערער מצב פון די נאָדל־אַרבעטער,
דער פאַרביסענער קאַמף פון די באַלעבאַטים
מיט דער הילף פון סטרייק־ברעכער,
אויפגערודערט האָט די שטאָט.
קהל האָט זיך אַרײַנגעמישט
מיט דער הילף פון ריכטער בראַנדעיס;
נאָך קאַרגע פינעף חדשים פאַרמעסט
איז דער סטרייק פאַרענדיקט געוואָרן.

✶

פאַרשעמטקייט פון מענטש צו מענטש
האָט אָפּגעווישט די וואַנט...

## אין שאַפּ

— „דער גן־עדן פון די רײַכע געבויט אויפן גהינום פון די אָרעמע.״

**וויקטאָר הוגאָ**

אין פרימאָרגן שלינגען שאָטנס
שטיקער שאָטנס פון דער נאַכט,
שטיל געלאָסן ווי אַ קעצל
שײַנט אַרײַן די זון און לאַכט.

קומען מיידלעך — פול חלומות
פריש, די כּוחות אויסגערוט;
שטייען קוישלעך אָנגעלאָדן
און מאַשינען אין דערוואַרט.

שאַלט דאָס פײַפן פון דעם פאָרמאַן
בלינד הייבט אָן דער מאָטאָר ברומען,
קלאַפּן שטומפּיק פּרעס און אײַזן
און די רעדער פון מאַשינען.

גרילצן שנײַד־מאַשינען בלאַנקע
רעדל־מעסערס שנײַדן וואַרע
און די הענט זיי כאַפּן אונטער
ווײַסע צייכנס ליגן שטאַרע...

## אָנהייב טאָג

מיידלעך הייבן אָן דעם טאָג
מיט ניט־דערררעדטע רייד, מיט הענט
מיט אייגענע פאַרנייען נאָך אַ טאָג

זילבער־בליץ אויף רעדער פון מאַשין,
מיידלשע הענט אויף רעדער פון מאַשין.
בלענדן אין זילבער־ווײַסן מוסלין.

ווי אַ פאַרשנייט סיבירער פעלד
געהילט דער שאָף אין פראָסטן־קעלט
אין געאײַל ט׳זיך אָטעם אָפּגעשטעלט.

יאָגן מיידלעך מיט פיביר־פינגער,
שטעפּן, שטעפּן פעלדלעך, שטעפּן נעט,
ציט זיך טאָג אין פעלד — אַ בלינדער.

## זמנים

**א**

גאָט אַליין פאַרנעמט יאָמער
פון ווינטער־געפרוירענע צווײַגן
בײַם דורכברעכן געבורט
פון פרילינג־צוויט:
אַזויפיל צווײַגן,
אַזויפיל ווייטיק — — —

קושן ווינטן פרילינג־צוויטן.
פלאַטערן פליטערלעך;
שוואַנען ווײַסע פליגל זאָגן אָן
די זומער זעט.

גאָטס טויען נערן ביימער,
צײַטיקן פירות:
עפּל, באַרן, קאַרשן,
צעטראָגן גן־עדן ריחות,
קרעפּטיקן חושים נאָכן פאַנצער־ווינטער.

בלומען צעעפענען ליפּן,
בינען, גילדענע, שפּינען האָניק,
דאָס לעבן צו פאַרזיסן.

פעלדער צעאַקערטע, פאַרזייטע,
שיסן אַרויף גרינסן, וויגן זיך זאַנגען,
צו זעטיקן בני־אָדם,
צו זעטיקן גאַנץ באַשאַף:
רו מאַלטוס אין דײַן אייביקער רו.

ב

האַרבסטיקע ווינטן פּליקן די בלעטער,
לאָזן די צווײַגן פּראָסטיק, הויל.
שײַערן ווערן פול מיט דער שפע,
מיט אויבסטן צום גרויסן פאַרטייל.

פאַווידלע און האָניק אין ערדענע טעפּ,
קאַלינעס צײַטיקע פול ווי צום פּלאַצן, —
אַ האַרבסטיקע סעודה סוף זומער שפּעט,
טראָגן סאַרווערס אויף זילבערנע טאַצן.

דיניעס לאַכן אַ גילדנדיק געלעכטער,
אויף פעלדער צײַטיקן אַרבוזעס;
מערן געזועגנען זיך מיט קרוינען־פעכער,
די שפּיל האָבן געפּישופּט טויזנט מוזעס.

האָבן פויערן געבונדן פולע גאַרבן
און געזונגען אַ תּפילהדיק ליד:
„גאָט אין הימל, דײַן גאָב זאָל אַרבן
דער מענטש, זאָל לעבן אין זאַטקייט, אין פריד.

„דער וואָגלער זאָל ניט בעטלען אויף וועגן
ניט אויסשטרעקן אין ציטער זײַן האַנט;
גאָט, דו האָסט געשאָנקען אי זון, אי רעגן,
און קנאָספּן אין פּירות פאַרוואַנדט.

„אין פעלד האָסטו געוואַרעמט די זריעות,
אין אַנגסטן די זערנע פאַרטראַכט —
פריד און רחמים — דײַנע נטיות,
איבער פּלאַנץ און בריאה געוואַכט.“

האַרבסטיקע ווינטן פּליקן די בלעטער,
ציטערן צווײַגן אין ווינטיקער קעלט;
תּפילהדיק זינגט דער זייער, דער זאַמלער:
„גאָטס״ באַשאַף — זעטיקן אויף גאָרער וועלט.

ג

איצט, אין קאַרשנצײַט, גרויס איז די פרייד,
פּעלן ווערטער אויסצוזינגען אין פּשוטע רייד:

מישט דער האַרבסט אַ ליד אין טויזנט פאַרבן,
ווי אותיות דערציילן בלעטער דורך די קאַרבן.

זון האָט דורכגעשטאָכן גילדענע פעדים — אירע שטראַלן,
בוים האָט זיך געגערט דורך רעגן און דורך קוואַלן.
צווײַגן האָבן זיך געשטאַרקט דורך ווינט און דונער־קנאַלן
אין רויטן בלעטער־טאַנץ הוליען וואַקכאַנאַלן.

שפּילט דער האַרבסט אַ ליד אין טויזנט פאַרבן —
אָפּגעבליט דער קאַשטאַנבוים, אויבסטן צײַטיקן אין דאַרבן.

זינגט דער האַרבסט אַ ליד אין טויזנט פאַרבן,
אַ, לערן מיך האַרבסט, דיך צו קאָנען אַרבן:

אַזוי ווי דו גייסט ווידער אויף אין דײַן צוויט,
אַזוי וויל איך אויפגיין, אויפגיין אין מײַן ליד.

לערן מיך די פרייד פון דאָס רײַפן אינעם גרין
און אויפנעמען דאָס ביטערע געטראַנק פון פאַלין.

מישט דער האַרבסט אַ ליד אין טויזנט פאַרבן,
אַ, לערן מיך האַרבסט, אַזוי שיין ווי דו, צו שטאַרבן.

## אויף דער פּיקעט־ליַין

גיך־און־גיך איז זי אין שטאָט געלאָפן,
אויפן פּיקעט־ליַין שוועסטער שוין געטראָפן.

צו צוויי אין אַ ריי שפּאַנט מען אַהין און צוריק,
גייענדיק אויפגעקלערטע — פעסט איז זייער בליק.

אויף אַ גלאַנציקן אָגער טראָגט זיך אַ פּאָליציאַנט,
ער באַפעלט: „ניט אָנשפּאַרן זיך אָן דער וואַנט!"

זינגט זי צום גלאַנציקן אָגער און זאָגט צום פּאָליציאַנט:
„דער באַלעבאָס איז ניט געבוירן פון אַ שטיינערנער וואַנט".

גיך־און־גיך יאָגט דער גלאַנציקער אָגער וויַיטער אויפן אַספּאַלט,
קלעפּ פון שטאָלענע פּאָדקאָוועס אויף די אויערן פאַלט.

שפּאַנט זי מיט מידן טראָט אויף שטאָטישן גראַניט,
זי הערט געזאַנגען פון דזשאָן בראַון — אין מוח בריט.

געזאַנגען פון ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן און וואָלט וויטמאַן,
וואָס באַווייַנט און באַזינגט דעם גרויסן קאַפּיטאַן.

מיט מידע טריט שפּאַנט זי אויפן אינדזל מאַנהעטן;
אַנטקעגן שווימען מעשׂיות פון מאַרטירער און שטאָפּעטן,

וואָס זי האָט געלערנט אין די אָוונט־קלאַסן
וועגן פעלקער־ליבע און גליַיכקייט פון די ראַסן.

גיך־און־גיך איז זי אין שטאָט געלאָפן,
אין האַרצן אַ געזאַנג — אַן אייביק האָפן — — —

## הונגער

געבויגן איבער מיסטקאַסטן
שטייט אַ מענטש און זוכט —
צום שוויַיגן איז ער פאַרנייגט,
שילט ער ניט און פלוכט.

אויסגענאָגט ביזן ביין
מיט קנאָכנדיקע הענט,
רויעט ער אין מיסטקאַסטן
צום מיסטקאַסטן געווענדט.

צווישן הורבעס צײַטונגען
צווישן אָפּפאַל און פּאַפּיר,
שטייט אַ מענטש אויסגעקרימט : —
מעפיסטאָ אין זײַן שפּיל...

## זיך דערפרישט

כ׳האָב געזען
אַ ייִד מיט בלייכע הענט
פלאַנצן אַ צווײַגעלע
אויפן באָדן פון יהודה,
דאָס צווײַגעלע —
אָנזאָג אויף אַ סאָפּלינג.

כ׳האָב געהערט
וואָרצלען קושן רעגן־טראָפּנס.
שטאָמען ציִען זיך שלאַנק, הויך,
ביימער־קרוינען שמייכלען מיט צוויט.

כ׳האָב געהערט אַ ניגון
צום טאַנץ
פון בלעטער מיטן ווינט.

מיט בענקשאַפט,
מיט ערפורכט,
געשפּאַנט האָב איך
צו יענעם אור־אַלטן בוים,
וואָס האָט געטריפט מיט שלווה,
איבערן קאָפּ פון פאָטער **אברהם**:
ווי יענע אורחים, זיך דערפרישט
מיט קרישטאָל קלאָרע וואַסערן — — — —

## ים, מײַן מיד האַרץ

גאָט,
אין װוּנדער קוק איך
אויף דײַן פאַרמעגן:
אַזױ פיל זילבער אויסגעשמאָלצן
אויפן ברייטן אָקעאַן.
אויסגעשפּרייט ליכטיק־בלויע הימלען
און זאַמדן װאַרעמע דערפרייען
פון װאָגלער זייערע מידע טריט.

װי אַ מילגרױם פול מיט זאָרגן,
בין איך צום ים געקומען, —
פול מיט זאָרגן
נאָך אַזױ פיל הזכּרות
און לװיות פון גרױסע זין
בײַם ייִדישן פאָלק.

ים, מײַן מיד האַרץ
האָב איך געבראַכט צו דײַן שוימיקן ברעג.
אויף דײַנע בלענדיק־װײַסע זאַמדן
שטיפן קינדערלעך מיט צױבער־כװאַליעס;
איבער זייערע שמאָלע אַקסלען,
איבער זייערע הילכיקע געלעכטערס
הער איך גאָטס ברכה.

דורך די נעכט
הער איך דײַן שטורמישן ריטם,
דער ריטם פאַרהײלט מײַן האַרץ אין רו.
איך זע די שטערן װינקען צו דער לבֿנה,
אין טרייסט פון איר אומעט —
אייביק לויכטן
דורך פרעמד ליכט.

## נאַכט בײַם ים

שוואַרצע שלייערן הילן אײַן דעם ים,
ווילד ברויזנדיק שטורעמען די כוואַליעס;
לייבן שוימיקע כוואַליעס שלאָגן די סקאַלעס,
פינצטערניש קלאַמערט האָריזאָנט אין צאַם.

ים, אין דײַן האַרץ טראָגסטו טויזנט סודות,
פון קדמונים הויערט קריג אין דײַנע תּהומען;
דורך דײַן אינגעווייד באַשעפענישן שטראָמען,
עס פעכטן דאָרט מילע־מיליאָסן עדהס.

פאַרקלעמט זיץ איך בײַ דײַן זײַט,
איך הער אַ געבייזער אין דײַנע טיפן;
וויי־וויי, ניט אָנגעקומען זענען יענע שיפן,
פון דער נאָענט און פון דער ווײַט!

פינצטער און לאַנג איז די נאַכט,
קולי־קולות דערטראָגן זיך אַהער, —
ווער קאָן אָפּווישן הײַנט מײַן טרער,
ווען דער אַשמדאי פון קרבן לאַכט?

אין קראַמפּן קאַרטשעט זיך די נאַכט,
די לבנה אויפגעגאַנגען איז הײַנט שפּעט;
צעשטורעמט האָבן כוואַליעס תּהומיק בעט,
לויערט דער קעניג פון די שדים און ער וואַכט:

איבער פאַרוואַגלטע ייִדן וואָס ציִען אַהער
אויף שיפן זיך ראַטעווען פון ביטערן גזר, —
ווער קאָן טרייסטן זיי אין גרויליקן צער,
ווער וועט רופן די וועלט צום גרויסן פאַרהער?!

## שניי אין מאַנהעטן

פאַר מײַנע מידע אויגן
פאַלט אַ שניי און פאַלט,
איבער מײַן האַרץ פאַרצויגן
אַ ווײַסער ניגון שאַלט.

נידערן שנייען צום באָדן
ווײַסע טויבן דרימלען מיד,
דיכטער זינגען אַדעס
פון שלום זייער ליד.

שפּרייטן זיך שלייערן ווײַסע
אויף שטיינערן גראַניט,
צויבערט אַ ווינטער־מעשׂה
פאַר אָדמס מידע טריט.
וועבן זיך שנייען שיכטן
איבער ווײַסער ערד,
פון געזימסן הענגען צויטן
קלוגע זיידעס בערד.

פלאַטערן ווײַסע שלייערן,
אין ווינטער־לאַנד איז שטיל
זײַן אָטעם פאַרכאַפּט אַ גייער:
ס'איז אַ שיינע ווינטער־שפּיל

ווינטן יאָגן שנייען —
פליטערלעך אין בלוי,
ווישט אָפּ פון אויג אַ וואַגלער
פראָסטיק קאַלטן טוי.

## בראָנקס־פּאַרק אין זומער

שטילקייט פוןביימער
טראָגן אין זיך סוד —
נאָך פראַסטיק קאַלטן ווינטער
וואַרעמען וואָרצלען
דורך אָדערן פון דר׳ערד.

פּײַן ברעכט דורך צווײַגן,
פלייצט אויף באָדן צוויט,
פלאַטערן יונג־בלעטלער מיט ווינט,
שטייט בראָנקס־פּאַרק אין זומער־זעט.

אויף געדיכט דיקן גראָז יאָגט אַ האָז:
דאָס וועוויריקל — אַ פרעג־צייכן איר ווידל,
טראָגט זיך איבערן וועג
אין די לאַפּקעס אַ ניסעלע,
אירע צעשראָקענע אויגן
איבערן נאָסן נעזל
ציטערט, ציטערט.

סטאַיש, צעבלעטערט,
שטייען מײַנע ביימער
אין פולער פּראַכט —
זאַט מיט טוי, מיט זון, מיט ווינט.

פון מײַנע ביימער
בויען וועט מען אַ טעמפּל
צו לערנען חכמה פון דער וועלט;
נס פון ניגון, מישן פאַרבן,
ציילן זילבן, דערציילן: —
אַמאָל איז געווען אַ מעשה...

## איר וויגליד

קוק איך
אויפן ציפער־בלאַט פון זייגער,
איך צייל רגעס, מינוטן און די שעה,
מײַן פרייד וויל איך נאָך מיט איינעם טיילן
איך וואַרט, איך וואַרט, ער איז נאָך ניטאָ, —
ליולינקע מײַן קינד, ליולינקע מײַן קינד.

דײַן טאַטע
איז אַוועק באַפרײַען זין אַ סך
אין דער גאָרער וועלט —
פאַרלאָזן האָט ער מיך:
מיט איין זון, אויף מײַנע הענט;
ליולינקע מײַן קינד, ליולינקע מײַן קינד.

שווער געמיט
אַקערט דורך מײַן מוח, מײַן האַרץ
דערפריי איך זיך אין דײַן אויגן־בלאָ,
מײַנע חושים טובל איך אין דײַן אָטעם,
איך בענטש, איך שילט די שעה — — —
ליולינקע מײַן קינד, ליולינקע מײַן קינד.

## טעג, מיינע טעג

טעג צעטראָגן אויף דער פּיקעטליַין,
טעג פאַרנייט אין גרוי־טומלדיקן שאַפּ.
בײַם ציִען חשבון אין דמיון
פון אָפּגעלאָפענע טעג:
טומל,
זאָרג,
הונגער,
אויפן שוועל פון זיבעטן צענדליק,
צווישן פּריפּעט און האָדסאָן־טײַך
ניט ציילן וויל איך יענע שווערע טעג,
וואָס זענען אָפּגעשווומען אין פּיַין:
זון־ליכט, פרייד איז אויך געווען.

גורל האָט פאַרהיט פולע קוישן ליכט,
צווישן פּריפּעט און האָדסאָן־טײַך
געטרונקען קרישטאָל־קלאָרע וואַסערן.

איצט, בײַם ציִען אין דמיון חשבון
ניט פאַרהונגערט איז מײַן האַרץ,
ניט ליידיק איז מײַן שפּײַער — — —

# בבים געזעגענען

## היים

צו מײַן היים קער איך זיך אָפּט אום
מײַן ליכטיק, זויבערע היים, —
זי איז ניט ווײַט —
היים איז קיינמאָל ניט ווײַט.
אַפילו ס׳איז שפּעט,
זייער, זייער שפּעט...

## אויפגעאַקערטער בית־עולם

אויסגעפלאַכטן האָט דער סאָלאָוויי
אַ נעסט —
אין מײַן טאַטנס שאַרבן,
זינגט דער סאָלאָוויי
זײַן וואַלד־ליד
בײַם זון־אויפגיין
אין פאַרבן.

קלאָגט מײַן טאַטנס ניגון: —
בײַם זײַט פון פּאָליעסער וואַלד
וואַלגערן זיך ייִדישע ביינער;
זיבן הונדערט יאָריקער בית־עולם
געהייליקט —
אין נאָמען פון בורא עולם,
קלאָגן ביימער און דער וואַלד,
קלאָגן די געוויקסן אַרום
אויפן ייִדישן חורבן —
זעקס מיליאָן קדושים
אָן אַ בית־עולם,
אָן קברים...

## געהערט האָב איך

— מײַן פֿאָטער לזכר

הײַנט בײַנאַכט
געהערט האָב איך דיך לערנען,
אַהיימגענומען האָט מיך דײַן גמרא־ניגון,
כ׳האָב געזען דײַן זאָרג אויפֿן
ליכטיקן שטערן,
געראַנצלט אין קנייטשן
דורכגעפּערלט
אויפֿן פּנים חצות־טרערן.

דורך די נעכט געצערטלט
דײַנע געזאַנגען צו **מזרח**,
אין דײַן חלום אײַנגעשפּונען
די בענקשאַפֿט נאָך **ירושלים**.

## אין דײַן חלום

— פאַר שאַשקען

א

איך וויל לעבן אין דײַן חלום,
ניט אין דײַן טרער —

אויפן קרײַץ־וועג פון צײַט
כ׳זע מײַן קליינע שוועסטער,
איר בלייכן פנים
גרויסע מאַנדל־אויגן גאַפן
בײַם געבעטן שליטן,
וואָס וועט פירן איר שוועסטער
פון דער היים, אין אַ ווײַטן לאַנד.

די שוועסטער געזעגנט דאָס שטעטל,
געפאַנצערט אין ווײַסן פלאַם —
פון קוימענס טראָגט זיך געשלענגלט
גרויער רויך — קאָמעטן שוועבן אין הלל.

דער אָגער טוט אַ צי דעם שליטן.
רײַסט אָפּ אַ גליד פון דער משפחה.
יאָגט דער אָגער דורך פאָליעסער וואַלד;
ברייט איז דער וועג, ווײַט די פרעמד — — — —

דורכן וואַלד טראָגט זיך דער שליטן,
בעריאָזע־ביימער, און דעמבן שווימען פאַרבײַ.
טונקעלע שלייערן לעשן דעם טאָג,
אַ שוואַרצע קאַץ אויסגעלעקט האָט די שטערן.

ווי אַן אויסטערלישע חיה
טראָגט זיך אַן די באַן;
אַ מאַן מיט אַן אָנגעצונדן לאַמטערן רופט אויס:
— בירגער, אין באַן אַרײַן, אין באַן אַרײַן!
די באַן שלינגט אײַן די מענטשן
מיט זעק און מיט פּעק — — —
אין ריטעם פון די רעדער יאָגט נאָך די הײם — — —

ב

זעקס וואָכן זענען אָפּגעלאָפן
זעקס וואָכן ווי איין טאָג —
געטרונקען פון דײַן האַנט
וואַרעמקייט טאָג נאָך טאָג.
גורל ייִדישער האָט צעשיידט,
זענען מיר געגאַנגען באַזונדער,
נאָך צענדליקער יאָרן דערפרייט —
דורך טרערן דערקענט זיך ווידער.

פֿאַרהוילענער ווייטיק,
טרויער,
בלוטיקע טעג,
דורך פאַרהאַלטענעם אָטעם
די השגחה געשפּרייט האָט דעם וועג
צו דײַן שוועל,
צו דײַן ליבער
שוועסטערלעכער וואַרעמקייט.

## צו מײַן פֿאָטער

ר׳ מנחם ברוך חיים הלוי זאַריצקי

**א**

אין וואָר און אין חלום איך טראָג דיך אין מײַן דמיון,
ס׳איז הייליק און טײַער דאָס אָנען, —
אָט וויקל איך זיך אײַן אין מײַן חלום
און דו נעמסט מיך אָוועק פֿון דאַנען.

אין שטוב איז אַ בין־השמשותדיקע שטילקייט,
די שטוב איז אײַנגעהילט אין תּפֿילהדיקער רו —
מיר שווײַגן מיט אַ מאָדנעם שווײַגן,
אָט קומסטו צו מיר פֿאָטערלעך צו: —

טאַטער, דו קומסט פֿון די מרחקים,
דערצייל פֿון די וווּנדער אין גאָטס וועלט,
האָט קאָלאָמבוס געפֿונען די בשמים,
צי האָט ער געפֿונען אַ זיכערע וועלט? —

**ב**

— גאָטס וועלט, טאַטעניו, איז כּולו וווּנדער־סכּנה:
אָדמס זין גרייכן שוין צו דער לבֿנה;
צעטיילט איז די וועלט אין גרענעצן־סכּנה;
קאָלאָמבוסעס מרגלים האָבן ניט געפֿונען די בשמים —
קיינער האָט נאָך ניט געפֿונען וואָס ר׳האָט געזוכט
שטייט די וועלט איצט פֿאַר מוראַדיקע תּהומען,
ווי דער אשמדאי אַליין וואָלט גאָטס וועלט געפֿלוכט,
נאָר, פֿול מיט בטחון אין מײַן האָרץ, טאַטעניו,
אין טרייסט פֿון דעם נביא: נחמו, נחמו — — —

## ערב פסח אין שטעטל

דאָס געפּאַנצערטע אײַז האָט געפּלאַצט,
דער פריפעט צעגייט זיך אין קרײַזעס;
די ערד אָטעמט שווער — פּאַר געבורט
פייגל פאַרנעמען זיך אויף נײַע נסיעות.

גאַסן שפּיגלען־אויף אין צעגאָסענע טײַכן,
דער פריפעט איז פון די ברעגן אַרויס;
אויף איין פוס בלײַבט דער בושל שטיין,
פון פענצטער קוקן קינדער אַרויס.

שכנישע שטובן זענען דורך בריקן פאַראייניקט
לויפן יִנגלעך איבער בריקן ווי אין אַ שפּיל,
פון חדר באַפרייט! — זינגען שטיפער מיטן טראָפּ,
סדרה פון דער וואָך ווי אין זייער שפּיל.

לויפט בערעלע איבערן לאַנגן בריק גיך־גיך
צו באַרימען זיך מיטן „סקריפּ" אין די נייע שיך.
יאָגט אַן אַוורעמל — זאָגן בערקעלען מוסר;
„ניט שיין באַרימען זיך מיט דײַנע נײַע שיך."

שניי־ווײַס געזויבערט די שטוב אויף יום־טוב פּסח,
מעשענע לײַכטער געשײַערט אויף גינגאָלד,
מאַמע צערטלט כּוסות אויף ליכטיקן סדר־טיש
אליהו הנביאס כּוס געלײַשטער גאָלד.

אין שטוב צעעפענען זיך ביכער־שאַנקען,
ספרים אויף קעסטלעך, אויף בענק,
מיטן פליספעדער דער טאַטע בודקט בלעטער
און עס לויכטן ספרים צוריק פון די שענק.

## מײַן ברודער אברהם

### א

אַ שטילער, אַ דינער ניגון
וועקט דאָס ייִנגל פֿון שלאָף,
תּפֿילות איבערן ספֿר זיך וויגן,
זינגט די שטוב איַין צום שלאָף.

גאַפֿט דאָס ייִנגל איבער נאַכטיקע פֿלאַמען,
שאָטנס, — העלדן אין האָרץ זײַנס געווילט,
זעט ער משהן שפּאַלטן פֿאַר ייִדן ימען —
די מעשׂה ווערט אין חומש דערציילט.

שוועבן שאָטנס אויף ווענט און אויף סטעליע:
ייִדן מיט ספֿרים, מיט פֿידלען, מיט בערד,
די קלעזמאָרים אין שטעטלס קאַפּעליע
און אַ שׂימחה אין שטעטל עס ווערט.

פֿרייט זיך די נאַכט און די שטערן,
האָריזאָנט וויקלט שטילקייט אין סוד —
פֿרייט זיך נאַכט און די שטערן:
מיט זײַן באַשאַף פֿרייט זיך גאָט.

ב

ווינטער־אָוונט
גייען ייִנגלעך פֿון חדר,
שפּאַנען ייִדעלעך זינגענדיק
פּסוקים פֿון רבינס טיש.

זינגט מען אין טראָפּ:
**שיר השירים אשר לשלמה —**
געצונדענע לאַמטערנעס
שיסן אַרויף פֿונקען,
שטערן דערפֿרייען:
פֿאַרשפּעטיקטע ייִגלעך
אין דער נאַכטיקער שעה.

## אין זכּרון בליט אויף

וואָס איך האָב מיטגענומען פון מײַן היים:
מײַן פאָטערס נאָכטיקע תּפילות מיט זײַן ניגון,
ספרים אין שוואַרצן אײַנבונד,
גאָלד־אותיות אויף רוקנס, —
אין אומעטיקן בליק אויף דער וועלט;

דער מאַמעס פאַרדאַגהט פּנים
אין זאָרג,
ווי אויס׳סדרן די וואָכן און טעג,
די וואַקסנדיקע משפּחה
דאַרף אַ שוך, אַ קלייד,
און גאָטס וואָרט אין האַרץ,

מײַן רביצין שלמה חיים׳איכע
צעפּליגלט האָט דעם אלף־בית
יעדן אין דער פרי, —
ליכטיקער געוואָרן
ליטווישע פרימאָרגנס די גרויע;
געלערנט וועגן מוטער חוה,
איר חכמה:
אַרויסגעכּישופט אָדמען פון נאַקעטן גן־עדן.

אַליין פאַרפלאָנצט די זערנע —
אויפגעגאַנגען זענען פעלדער
מיט ווייצן און מיט קאָרן.
געלערנט וועגן מוטער רחלס טרערן,
באַוויינט האָט זי אירע קינדער אין גלות.
אין זכּרון בליט אויף:
סוף זומער שטעלט זיך אײַן אַ יאָר־יאַריד,

אילִיאַ.
פון גאָרער וועלט סוחרים, הענדלער
באַלאַגערן די שטאָט.
גרויע געצעלטן ווי ריזן־שוואָמען
באַזעצן דעם מאַרק.

ציגײַנער טראָגן זיך אָן אין מאַרק,
פולע בוידן קינדער, כּישוף, רעש;
פערד בריקען דעם באָדן,
הייבט זיך אויף אַ שטויבן־מיראַזש.
ציגײַנערינס אין ליכטיקע קרעלן
וואַרפן קאָרטן, שמייכלען מיט פּערל־ציין.
די אַלטע ציגײַנערין היט איר יונגן ציגאַן, —
דער ציגאַן טוט אַ סווישטש מיטן בײַטש
גלעט זי זײַנע פיס,
קושט זײַנע גלאַנציקע שטיוול — — —

ריי זון בריט, —
האַנדל־וואַנדל אין פלאַקער,
טראָגן אָקסן מאַרק אויף הערנער:
גלאַנציקע אָנערס הירזשען,
שמײַען ציגײַנער:
מושטירן זייערע טאַבונעס אין האַנדל.

אין אַ צירקל זיצן בעטלער
מיט בלינדע אויגן, אין שמאַטע־טראַכט,
אויסגעשטעלט אויפן יאַריד
הקדשן פון מרחקים...
זינגען בעטלער אויס צער פון דער וועלט
און שפּילן־צו
אויף לירעס זייער טרויער.

## בײַם געזעגענען

א.

אין שלאָף
היט נאַכט יעדן אין זײַן חלום,
לבנה שפּרייט ליכט דורך שויבן.
שפּאַן איך איבער שאָטן־געהילטע חדרים,
אין לעצטער נאַכט אונטערן דאַך
וואָס האָט מײַן ערשטן אויסגעשריי
דערהערט.

שטילקייט ציט זיך, ציט זיך, ציט זיך,
איבער מײַן טרויער בײַם געזעגענען,
דאָס שטעטל געפּאַנצערט אין פראָסט.
שטיבלער־שווײַגנדיקע שומרים,
פאַרהאַלטן מײַן אָטעם אין שעה
פון שיידן די היים, ווו איך לאָז
דעם חשבון פון מײַנע יונגע טעג.

ב.

איך זע מײַן קליינע שוועסטער
איר בלייכן פּנים,
גרויסע טרויבן־אויגן גאַפן
בײַם געבעטן שליטן
וואָס וועט פירן איר שוועסטער
פון דער היים אין אַ ווײַטן לאַנד.

די שוועסטער געזעגנט דאָס שטעטל,
געפּאַנצערט אין ווײַסן פלאַם;
פון קוימענס טראָגט זיך געשלענגלט
גרויער רויך — קאָמעטן שוועבן אין חלל.

דער אָגער טוט אַ צי דעם שליטן,
רײַסט־אָפּ אַ גליד פון דער משפחה;
יאָגט דער אָגער דורך פּאָליעסער וואַלן. און
ברייט איז דער וועג, ווײַט איז די פרעמד — — —

## ווען איך וועל

ווען איך וועל
דעם הימל מער ניט זען,
ניט באַטרעטן מער גאָטס ערד
זאָגן וועט דער אלף־בית:

— מיר האָבן זי דאָ געזען
שמייכלען צו די בלומען
צו קינדערלעך אין שפּיל.

ווען איך וועל
ניט געזעגענען דעם מאָרגנשטערן,
זאָגן וועט דער אלף־בית:

— מיר האָבן זי דאָ געהערט
זינגען צו דער אויפגייענדיקער זון
גאָטס ליכט פאַר זײַן גאַנצן באַשאַף.

גאָטס טוי וועט
אַראָפּנידערן פון הימל
אַ געטלעכן „אוי"

ווען איך וועל דאָ
מער ניט זײַן,
מער ניט זײַן...

## אויף נײַעם באָדן

פון גרין־צעבליטן שטעטל
אָנגעקומען אויפן אינדזל מאַנהעטן,
צו קאַרגע זעכצן יאָר.
פאַרקנאַסט געוואָרן צו נאַקעטער נאָדל,
וואָס האָט באַשוכט מיך און באַקליידט.
פון מודה אני,
פון חומש און לעגענדע
דאָ אויף נײַעם באָדן,
געזוכט דעם וועג צום קוואַל.
די שטאָטישע ביבליאָטעק אויף מאַנהעטן
אין ליכטיקן מאַרבל — אַ טעמפּל.

לייבן צוויי אויף פּיעדעסטאַלן
אויסגעצויגן אויף די הינטערשטע פיס
גדלותדיק־קודלאַטע קעפּ פאַרריסן:
בענקענדיק אין הונגער נאָך ווילד־וואַלד.

ווי אַ לײַכט־טורעם שטייט דער היכל
פאַרן זוכנדיקן מענטש.
שטראָמען זיי אַרויף, אַרויף די טרעפּ:
שטילן הונגער אין דער בבל־שטאָט,
ווו יעדער געפינט זײַן קוואַל
צווישן אַכט מיליאָן אַליינען...

## אין דער זאַמלונג:

### זכור


אונדזער עפּאָס . . . . . . . . . . 7
כ"ז בניסן . . . . . . . . . 8
דער אָדלער . . . . . . . . . 9
ר' נחמן טענהט. א' — ב' . . . . . . 10
נאַכט אין קראַטאָנאָ פּאַרק . . . . . . 12
די מאַלינע . . . . . . . . . 14
קינדער־מאַלערײַען אין געטאָ . . . . . . 16
אויף אַ געטאָ־אויסשטעלונג . . . . . . 17
צום פֿאָטער . . . . . . . . . 19
אין בוכנוואַלד־לאַגער . . . . . . . 21
דאַניעלאַ . . . . . . . . . . 22
אַ געבעט . . . . . . . . . . 23
געטאָלע . . . . . . . . . . 24
אויף יענער זײַט פּריפּעט . . . . . . 26
אַ כראָניק, א' — ג' . . . . . . . 27
צום תענית, א' — ב' . . . . . . . 28
מינסק . . . . . . . . . . 29
איר געזאַנג . . . . . . . . . 30
דער פֿײַערפֿויגל . . . . . . . . 31
ר' בערטשע דערציילט . . . . . . . 32
אין חלום, I — II . . . . . . . . 33
מיטנאַכט . . . . . . . . . . 34
האַרבסט . . . . . . . . . . 34
מרים . . . . . . . . . . . 35
אַ זון־רויז פֿאַר מײַן פֿענצטער . . . . . . 36
דער שליח האָט געוויינט . . . . . . . 37
בײַם ים . . . . . . . . . . 38
אונטערן הימל פֿון ווילנער גאון, א' — ב' . . . . 39
חיים גראַדע, א' — ב' . . . . . . . 41
דער קאַראַוואַן . . . . . . . . . 43

### גאולה

די שליחות . . . . . . . . . 47
לייענעדיק שמואל א' . . . . . . . 48
די פּאַסטושקע . . . . . . . . 49
חוהס וויגליד . . . . . . . . 50
די וווּנדערלעכע עולה . . . . . . . 51
ערד (אַראַד) . . . . . . . . 53
אויף אייגענעם ווײַן . . . . . . . 54
געזאַנג פון שניטער . . . . . . . 56
ישראל־וויגליד . . . . . . . . 57
צו די חשובע מחברים . . . . . . . 59
זיבן ברונעמער אין נגב . . . . . . . 60

### ווידמונגען

לייענענדיק „דאָס מעסערל" . . . . . . 65
לזכר משה קולבאַק . . . . . . . 66
פון דער בינע . . . . . . . . 67
פּרינץ פון ליד . . . . . . . . 68
לייוויק אַנטלויפט פון סיביר . . . . . . 69
דער מייסטער אין שווײַגן . . . . . . 70
יורשים צערטלען . . . . . . . . 71
אהרן קאַפּלאַנדס ניגון . . . . . . . 72
זייער לידער־קראַנץ . . . . . . . 74
יצירה . . . . . . . . . . 76
דער בעל־שם . . . . . . . . . 77
דער משורר . . . . . . . . . 78
זיבן פאַרבן . . . . . . . . . 79
שקיעה . . . . . . . . . . 81
אויף אַ קונסט־אויסשטעלונג . . . . . . 82
אויף ווײַסע מאַרבל־טרעפּ . . . . . . 84
אין פּאַוס קאַטעדזש . . . . . . . 85
דו און איך . . . . . . . . . 86
דער קעניג פון געפליגל . . . . . . . 87
סימפּאַניע אין בראַנדז . . . . . . . 88
די גאַזעל . . . . . . . . . 90

בעטלער . . . . . . . . . 91
דער מולד . . . . . . . . 92
שלאַנק ווי אַ גאַזעל . . . . . . . 93
שטיל, א׳ — ב׳ . . . . . . . . 94
לייענענדיק „יוגנט־יאָרן" פון י. י. שוואַרץ . . 96
בלעטער . . . . . . . . . 97
זײַן ניגון . . . . . . . . . 98
יידישע דיכטערינס . . . . . . . 99
מעשׂים . . . . . . . . . 101
פאַרנאַכט . . . . . . . . . 102
בערטאַ זונטערס חלום . . . . . . 103
שניי־פליטערלעך . . . . . . . 104
מאַנהעטן . . . . . . . . . 105
יידיש . . . . . . . . . . 106
וואָגלער . . . . . . . . . 107
ווייפל פרילינגס . . . . . . . . 108
קונסט . . . . . . . . . . 109
אין וועג . . . . . . . . . 110
פרימאָרגן אין סאַנאַטאָריע . . . . . 111
פרדס צעבליטער . . . . . . . 112
ווײַסע דעכער . . . . . . . . 113
טאָג . . . . . . . . . . 114
ליד . . . . . . . . . . 115
שרה בת טובים . . . . . . . . 116

## עבודה

באַלאַדע זשעליעזני . . . . . . . 119
אָדע צו 1910 . . . . . . . . 123
אין שאַפּ . . . . . . . . . 125
אָנהייב טאָג . . . . . . . . 126
זמנים, א׳ — ג׳ . . . . . . . . 127
אויף דער פיקעט־לײַן . . . . . . 130
הונגער . . . . . . . . . 131
זיך דערפרישט . . . . . . . . 132
ים, מײַן מיד האָרץ . . . . . . . 133

נאַכט בײַם ים . . . . . . . . . 34
שניי אין מאַנהעטן . . . . . . . . 135
בראָנקס־פּאַרק אין זומער . . . . . . . 136
איר וויגליד . . . . . . . . . 137
טעג מײַנע טעג . . . . . . . . . 138

## בײַם געזעגענען

היים . . . . . . . . . . . 141
אויפגעאַקערטער בית־עולם . . . . . . 142
געהערט האָב איך . . . . . . . . 143
אין דײַן חלום, א׳—ב׳ . . . . . . . . 144
צו מײַן פֿאָטער, א׳—ב׳ . . . . . . . 146
ערב פּסח אין שטעטל . . . . . . . 147
מײַן ברודער אברהם, א׳—ב׳ . . . . . . 148
אין זכּרון בליט אויף . . . . . . . . 150
בײַם געזעגענען, א׳—ב׳ . . . . . . . 152
ווען איך וועל . . . . . . . . . 154
אויף נײַעם באָדן . . . . . . . . . 155